ספרי' - אוצר החסידים - ליובאוויטש

קונטרס מו

קונטרס

# ביקור שיקאגא

מכבוד קדושת

## אדמו"ר יוסף יצחק

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

הוצאה רביעית

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ. י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים וארבע לבריאה

## תוכן:

הקדמה ........ 2
יומן (ע"י פ. א.) ........ 4

* * *

**ש"ק כא טבת**
שיחה א ........ 5
שיחה ב ........ 8
שיחה ג ........ 21
שיחה ד ........ 26
**ז שבט**
מאמר א. בטח בה' ועשה טוב ........ 34
**ח שבט**
שיחה ........ 40
**ט שבט**
שיחה ........ 47
**י שבט**
מאמר ב. אין עומדין ........ 50
**יא שבט**
לתלמידי הת"ת ........ 57
אל המורים והמורות ........ 57
להנהלת ביהכ"נ ות"ת ........ 59
**ש"ק יג שבט**
שיחה ........ 60
מאמר ג. שחורה אני ונאוה ........ 67
**יד שבט**
מכתב אל החגיגה ........ 70

* * *

דער באזוך אין שיקאגא (ע"י הרב מ. ל. ר.) ........ 72

# הקדמה

מכ"ק אדמו"ר זי"ע להוצאה הראשונה דשנת ה'תש"ד

בקונטרס זה נכנסו שיחות ומאמרי דא"ח של כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א שנאמרו בקישור עם ביקורו — ובעת ביקורו — בעיר שיקאגא בחורף שנת ה'תש"ב.

* * *

כדי לתת מושג מהרושם אשר עשה הביקור בחוגי היהדות החרדית — הננו מצרפים בסוף הקונטרס מאמר אחד הרבנים בשיקאגא אודות הביקור.

* * *

כמו בשאר הוצאותינו באו גם בקונטרס זה מראי מקומות בשולי הגליון מאת המו"ל. כן הקדמנו בראשיתו יומן הנסיעה.

מנחם שניאורסאהן

קיץ ה'תש"ד, ברוקלין, נ. י.

# יומן

## ביקור כ"ק אדמו"ר יוסף יצחק זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע
## בעיר שיקאגא חורף שנת ה'תש"ב
(כפי שנרשם בשעתו)

---

### עש"ק — פ' שמות — כ טבת ה'תש"ב, ברוקלין.

מלאכות באה משיקאגא להזמין — באופן רשמי — את כ"ק אדמו"ר שליט"א לבקר בשיקאגא, ולהתדבר ע"ד הפרטים בזה.

### ש"ק, כא טבת.

לסעודת היום באו הרבה מהתמימים, החסידים ואנ"ש. כ"ק אד"ש שוחח בדברי תורה והתעוררות לעבודה משך שעות אחדות.

(השיחות נדפסו לקמן ע' 5—33).

### מוצש"ק, ז שבט.

כ"ק אד"ש נוסע מניו־יארק לשיקאגא.

### יום א ז שבט, 4:40 אחרי הצהרים, שיקאגא.

כ"ק אד"ש בא לשיקאגא.

### שעה השמינית ערב.

עם רב התאסף באולם ההאטעל. כ"ק אד"ש נכנס באולם ואומר המאמר: בטח בד' ועשה טוב גו'.

(נדפס לקמן ע' 34—40).

### יום ב ח שבט, בוקר.

המאמר מתפרסם בכמה העתקות ונלמד בחבורות חבורות. סגולת הרבנים מבקרים את כ"ק אד"ש.

(השיחה באה לקמן ע' 40—47).

### יום ב ח שבט — יום וא"ו יב שבט.

באי כח מוסדות שונים — משיקאגא והסביבה — מבקרים את כ"ק אד"ש. ביקורי אנשים פרטים. „יחידות". ביקורי באי כח העתונים.

### אור ליום ג ט שבט.

הרבנים חברי „מרכז הרבנים" מבקרים את כ"ק אד"ש. אסיפה — בהשתתפותם — על דבר מצב היהדות בשיקאגא והסתדרות העבודה בחיזוק התורה והדת.

(השיחה — לקמן ע' 47—50).

### יום ד יו"ד שבט — יא"צ הרבנית מרת רבקה נ"ע — אחרי הצהרים.

המאמר: אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש.

(בא לקמן ע' 50—56).

### אור ליום ה יא שבט.

ביקור תלמידי הת"ת ומוריהם בראשיהם. ביקור באי כח ביהכ"נ.

(השיחות ראה לקמן ע' 57—60).

### ש"ק — פ' בשלח — יג שבט.

בסעודת היום — שיחות כ"ק אד"ש ומאמר דא"ח: שחורה אני ונאוה גו'.

(נדפסו לקמן ע' 60—70).

### מוצש"ק יד שבט.

נתקבלה ידיעה על דבר פטירת הרבנית מרת שטערנע שרה נ"ע. הכנות לנסוע תיכף לניו־יארק. ב"כ הרבנים מפצירים בכ"ק אד"ש לדחות את הנכיעה ליום המחרת. כ"ק אד"ש נענה לבקשתם.

### יום א יד שבט.

באנקעט לטובת קרן פדיון שבוים והחזקת ישיבת „תומכי תמימים". כ"ק אד"ש אינו נוכח. מכתבו — הנכתב לרגלי האבלות ע"י המזכיר מפי כ"ק אד"ש ובלי חתימתו — נקרא בפומבי ועושה רושם עז.

(המכתב נדפס לקמן ע' 70—71).

### יום א יד שבט, אחרי הצהרים.

כ"ק אד"ש נוסע משיקאגא.

### יום ב טו שבט, בוקר.

כ"ק אד"ש בא לניו־יארק.

נרשם ע"י ס. א.

## שיחה א.

מנהגי ליובאוויטש זיינען מיוסדים ניט נאָר אויף הלכה אדער הידור מצוה, נאָר אויך אויף ענינים רוחניים וואס זיינען נוגע בנפש. זיי שטעלן אוועק אויף א בסיס של עבודה דעם אלגעמיינעם מהלך רוח פון א אידן, אז ער און זיינע בני בית ווערן בעלויכ־טען פון דעם רוח טהרה וועלכען די מנהגים ברייגגען.

אין מנהגי ליובאוויטש זיינען פאראן אלגעמיינע מנהגים, דאָס הייסט פאר אלעמען, און זיינען פאראן מנהגים וואס נאָר די נשיאים, די רביים, האָבן זיך אזוי נוהג געווען [1]).

די קריאה שנים מקרא ואחד תרגום, ווי עס ווערט אָנגערופען „מעביר זיין די סדרה", ווייסן אלע אידן אז לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הצבור [2]). הגם עס זיינען דאָ כמה פירושים אין דעם מאמר — וועגן דעם זמן השלמת הפרשה — אבער דער ריכטיגער זמן אויף דעם איז ביז שבת אין דער פרי צום דאווגען.

בשעת קריאת התורה בעדארף מען הערן מפי הקורא וואס ער לייענט מתוך הספר תורה. און אזוי הארב איז דער ענין פון הערן קריאת הפרשה מפי הקורא בתורה [3]), אז אפילו דער עולה לתורה וועלכער מאַכט די ברכת התורה בעדארף נאָכזאָגען דעם בעל־קורא זייער שטיל, ווייל תרי קלא לא משתמעי [4]).

נשיאי חב"ד פלעגן אָנהויבן די קריאת פרשת השבוע, מעביר זיין איין פרשה אָדער צוויי בליל ה' אור ליום הששי, וביום הששי אחר חצות פלעגט מען אָנהויבען נאָך אמאָל פון אָנהויב און מעביר זיין די גאנצע סדרה מיט דער הפטרה, וביום השבת קודם התפלה פלעגן זיי מעביר זיין נאָך אמאָל פון שביעי [5]).

* * *

בא די חסידי חב"ד איז מקובל מדור דור דעם אלטן רביג'ס א תקנה אז אלע טאָג זאָל מען לערנען א פרשה חומש מיט פירוש רש"י פון דער וואך־סדרה, און אזוי האָבן זיך אויך נוהג געווען די רביים נשיאי חסידי חב"ד.

די רביים, נשיאי חב"ד, האָבן זיך נוהג געווען, אז לבד פירוש רש"י פלע־גען זיי לערנען נאָך א פירוש: איין יאָר פלעגט דאָס זיין דער פירוש ראב"ע, דעם צווייטן יאָר דער פירוש רמב"ן אָדער אור החיים. איינער פון די רביים האָט אמאָל בוחר געווען פאר דעם צווייטען פירוש דעם פירוש פנים יפות.

די רביים, נשיאי חב"ד, זאָגן אז שנים מקרא ואחד תרגום איז א הלכה, דער פירוש רש"י וואס מען לערנט איז דאָס א ענין פון יראת שמים, ווי עס שטייט אין שלחן ערוך [6]) וירא שמים יקרא

1) ראה לקו"ד כה שבט תרצו אות א.
2) ברכות ח. א.
3) ראה מודעה רבה לכ"ק ארמו"ר (מהוריי"ב) נ"ע (בקובץ מכתבים א. יודו.
4) ראה טושו"ע או"ח ס' קמא. שו"ת צ"צ חאו"ח ס' לה.
5) ראה „היום יום" ע' ח.
6) או"ח ס' רפה ס"ג.

תרגום וגם פרש״י, דאָס הייסט אז דער פירוש רש״י איז א סגולה צו יראת שמים.

די כוונה פון די רביים נשיאי חב״ד אין דעם וואס זיי האָבן געלערנט נאָך א פירוש — חוץ די פירושים פון תרגום און רש״י — איז געווען — צו מקשר זיין זיך מיט דער נשמה קדושה פון מחבר הפירוש, וואס מיט דער התקשרות און דביקות עפענט מען אויף א צנור אין השגת וידיעת התורה, וואס די התחלה פון אלע חדושי תורה, הן אין סוגיות הש״ס און הן אין הלכה פון ד׳ חלקי שלחן ערוך, איז תלוי אין דער ידיעה פון דער קדושה וועלכע איז פאראן אין די אותיות התורה שבכתב.

די ידיעה אין קדושת האותיות שבתורה עפענט אויף א צנור אין ידיעת והשגת התורה, אז די חדושי התורה וואס מען איז מחדש זיינען אמת׳ע.

* * *

איינמאָל זיינען א פּאָר יונגע לייט לומדים געזעסן און געלערנט מיט גרויס געשמאק און מיט א קאָך, יעדער פון זיי האָט מחדש געווען אייגענע תורה מיט גרויס פלפול. איינער פון זיי האָט מחדש געווען א לשיטתו פון רבא׳ן אין א סוגיא אין עירובין מיט א סוגיא אין כתובות און איז געוועזן זייער צופרידען מיט זיין גרויסן פלפול.

ביים טיש אין בית המדרש וואו זיי האָבן געלערנט זיינען אויך געזעסן אַ פּאָר חסידים לומדים און האָבן זיך צוגעהערט צו די חידושי תורה פון די יונגע לייט, און הגם זיי זיינען די חדושי תורה ניט געפעלן געווען האָבן זיי געשוויגען. אבער ווען דער יונגער מאַן האָט אָנגעהויבן זאָגן דעם לשיטתו, האָט שוין איינער פון די חסידישע לומדים זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט זיך אָפּגערופן צו דעם מחדש הלשיטתי׳: מילא אז איר פייניגט די תנאים און אמוראים מיט אייערע חידושי תורה אויפן אָרט איז נאָך צו פארליידען, אבער וואס האָסטו צו רבא׳ן צו פירען אים א געבונדענעם בשלשלאות של ברזל פון עירובין אין כתובות.

* * *

אמת׳ע חידושי תורה הויבט זיך אָן פון ידיעת קדושת האותיות שבתורה שבכתב, וואס דאס איז דער צנור פון גילוי התורה, און דער פתיחת הצנור איז ע״פ רוב דורך א דבקות און התקשרות אין א נשמה פון א צדיק, און עס איז ידוע אז התקשרות איז נאָר ווען מען לערנט די חידושי תורה וואס דער צדיק האָט מחדש געווען.

עס איז א מעשה ידוע:

א חסיד האָט געזאָגט צו א רבי׳ן אז ער וויל זיין זיינער א מקושר. האָט אים דער רבי געענטפערט, אז ער זאָל לערנען זיינע חסידות וועט ער ווערן זיינער א מקושר, ווארום התקשרות איז נאָר דורך תורה.

דאָס איז אלץ א הקדמה צום ספור המעשה וואס איך וועל אייך דערציילען.

* * *

פון דעם יאר תרמח איז אין די זמנים ווען דער פאָטער איז געווען אין דער היים (צוליב זיין שוואכען געזונט צושטאַנד פלעגט ער אָפטער פארן אין פערשיידענע קוהר פלעצער) פלעגט ער מיך מקרב זיין מיט א חסידישען קירוב פנימי. און פון צייט צו צייט, אונטער דער השפעה פון החסיד ר׳ חנוך הענדיל ב״ע [7]), וועלכער איז געווען איינער פון מיינע מדריכים, האָב איך אָנגעפאַנגען מער צו בעגרייפען די חסידישע הדרכה. —

---

7) תולדותיו: „התמים" חוברת ז. ע׳ עט.

תרנא שבת פרשה לך לך, אין דערפרי פאַרן דאַווענען בין איך אַריין צום פאַטער אין צימער. איך האָב אים געטראָפען זיצענדיג ביים טיש זייער אויפגעלייגט. ער האָט מעביר געווען די סדרה און טרערען האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן. איך בין געוואָרן זייער איבערראַשט ניט פאַרשטייענדיג ווי איז דאָס ביידע זאַכן צוזאַמען, אַ געהויבענע שטימונג און וויינען, אָבער פרעגען האָב איך ניט געוואַגט.

יענעם שבת — ווי אַלע שבת — האָט דער פאַטער שפּעט געדאַווענט, און ווי דער סדר הרגיל איז געווען אין די ווינטער שבתים, האָט ער נאָכן דאַווענען געמאַכט קידוש געגאַנגען מנחה דאַווענען און נאָך מנחה, קורץ פאַר דער שקיעה געוואַשן זיך צו סעודת שבת.

דאַן — ווינטער תרנא — איז געווען דער סדר אַז מוצאי שבת פלעגט מיך דער פאַטער פאַרהערן אין דעם וואָס איך האָב געלערנט במשך פון דער וואָך, און אויך דעם משניות וואָס איך האָב אויסגעחזרט בעל פה, און נאָכן פאַרהערן, ווען דער פאַטער פלעגט זיין צופרידן, פלעגט ער מיר געבן אַ מתנה. די מתנה איז בעשטאַנען פון דערציילען מיר אַ ספור און אַנדייטען און ערקלערן דעם בכן — היוצא פון דעם ספור, אָדער ער פלעגט מיר שענקען אַ מאמר.

דאָס זעלבע איז אויך געווען יענעם שבת פרשה לך לך. דער פאַטער האָט מיר פאַרהערט און האָט מיר געשענקט דעם מאמר ת״ר נר חנוכה, רמג [8].

מיר האָט זיך זייער געוואָלט וויסן פאַרוואָס דער פאַטער האָט אין דערפרי ביים מעביר זיין די סדרה געוויינט האָבענדיג דערצו אַ געהויבענע שטימונג, איך בין געשטאַנען אין פאַרלעגענהייט, ניט קענענדיג זיך באַשליסען פרעגען אָדער ניט.

דער פאַטער האָט במערקט מיין פאַרלעגענהייט, האָט ער מיך געפרעגט וואָס שטיי איך עפּעס אַזוי, אויב איך האָב עפּעס צו זאָגען זאָל איך זאָגען. האָב איך באַשלאָסען צו פרעגען און האָב געפרעגט.

דער פאַטער האָט מיר געענטפערט אַז דאָס זיינען געווען שמחה טרערען.

אַמאָל — אין די ערשטע יאָרן פון דעם אַלטען רבינ׳ס נשיאות — האָט ער געזאָגט ברבים: „מען בעדאַרף לעבן מיט דער צייט״.

די אינגערע חסידים האָבן דאַן געפרעגט בא די עלטערע וואָס האָט דער רבי געמיינט מיט די דאָזיקע ווערטער. עלטערע חסידים האָבן גערעדט וועגען דעם צווישן זיך, — אין כמה יאָרן אַרום האָט דער מיטעלער רבי מבאר געווען דעם וואָרט אין זיין סגנון מיט דעם אמת׳ן בינה׳דיגן רוחב — אָבער דאַן, ווען דער רבי האָט דאָס געזאָגט — האָבן זיך אַפילו די גרויסע חסידים שטאַרק געמאַטערט אויסגעפינען דעם רבי׳נס מיין מיט זיינע ווערטער „מען בעדאַרף לעבן מיט דער צייט״. ענדליך האָבן די זקני החסידים — דורך דעם פעטער הרה״צ הרה״ג מהרי״ל. דעם רבינ׳ס ברודער — אויסגעפונען וואָס דער רבי האָט געמיינט מיט די ווערטער.

מען בעדאַרף לעבן מיט דער צייט מיינט — מען בעדאַרף לעבן מיט דער פרשת השבוע און פרשת היום פון דער סדרה פון דער וואָך.

דאַמאָלסט פלעגן דעם רבי׳נס חסידים און מקושרים, די עלטערע ווי די אינגערע, לערנען יעדן טאָג די פרשה חומש פון דעם טאָג מיט פירוש רש״י,

8) נדפס: „התמים״ חוברת נ. ע׳ מו.

האָט דער רבי געזאָגט, מען בעדארף לעבן מיט דער צייט, אז ניט נאָר וואס מען לערנט די פרשת השבוע, נאָר מען בעדארף לעבן מיט דער צייט פון דער פרשת השבוע.

יעדע וואך — האָט מיר דער פאָטער מסביר געווען — און יעדן טאָג פון דער וואָך בעדארף מען לעבן מיט דער פרשה חומש וואס געהערט צו דעם טאָג. פרשה בראשית איז א פריילעכע סדרה, דער אויבערשטער ב״ה האָט באַשאפן וועלטען און נבראים און איז צופרידען ווי עס שטייט „כי טוב“. דער סוף פון דער סדרה איז אפילו ניט גאָר אזוי געשמאַק, אבער דאך איז די כללות הסדרה א פריילעכע און עס איז שבת בראשית, אין אלע קהלות ישראל איז ששון ושמחה, מען האָט אָנגעהויבען די תורה פון דאָס ניי. פרשת נח איז דער מבול, עס איז א קאלעמוטנע וואָך אבער עס איז פריילי‌כער סוף וואָך, עס איז געבאָרען געוואָרן אברהם אבינו. די אמת פריילעכע וואָך איז אָבער פרשת לך לך וואָס אלע טעג פון דער וואָך לעבט מען מיט אברהם אבינו, דער ערשטער וועלכער האָט זיך מוסר נפש געווען אויף מפרסם צו זיין געט־ליכקייט אויף דער וועלט, און זיין מסירת נפש אויף תורה ומצות האָט אברהם אבינו איבערגעגעבען בירושה צו אלע אידן.

* * *

מען בעדארף לעבן מיט דער צייט.

דאָס איז דעם רבי׳נס א וואָרט, וועל־כער האָט געגעבען פיל צענדליקער טויזענטער חסידים א דרך אין עבודת הבורא.

החסיד המפורסם הרב הגאון והצדיק ר׳ הלל נ״ע פאריטשער [9]) האָט אריינגעבראַכט דעם מאמר [10]) שלשה דברים למדנו באותה שעה אין דער חסידי־שער וועלט, אז יעדן וואָרט זאָל מען טיעף גוט פארשטיין און ארויס ברייננגען פילע בכן׳ען.

מען בעדארף לעבן מיט דער צייט מיינט, אז ניט נאָר מען בעדארף לער־נען די פרשה פון דעם טאָג נאָר אויך מען בעדארף לעבן מיט דאָס וואס מען האָט געלערנט.

לעבן איז די העכסטע זאך אין דעם מענשענס וועזן. דער יתרון פון דעם מין המדבר איז מיט דעם וואס ער איז א בעל שכל, וואס שכל איז דער העכס־טער כח אין דעם מהות אדם. אבער דאָך איז שכל מער ניט ווי א צייטווייליגע זאך אין די פיר און צוואנציג שעה פון דעם מעת לעת, אבער לעבן איז א שטענדיגע זאך, גלייך צי דער מענש איז וואך אָדער ער שלאָפט, אויך ווען דער מענש איז וואך און איז פארנומען אין א ארבעט איז דאָן דער שכל בהעלם, אָבער לעבן איז אלעמאָל גלייך. און ווען מען לעבט מיט דער צייט פון דער פרשת השבוע איז דער לעבן גאָר אן אנדער לעבן, דאָס איז דער אמת׳ר תורה לעבן, וואס צוליב דעם לעבן האָט השי״ת בעשאַפן די וועלט און געגע־בען די תורה אז מען זאָל קענען טאָן אלע וועלט ענינים בדרכי הצדק והיושר און לעבן א תורה־לעבן.

מען בעדארף לעבן מיט דער צייט.

## שיחה ב.

דער באוואוסטער גאון החסיד ר׳ ברוך מרדכי נ״ע איז געווען רב אין באָברויסק צענדליגער יארן און האָט געהאַט אַ שם טוב אין דעם גאנצען געגענד. אפילו די גרעסטע מתנגדישע

9) תקנה (לערך) — תרכד. ראה אודותיו „התמים“ חוברת ה ע׳ מב, שיחת חה״פ ה׳תשג אות נב.

10) עירובין סד. ב.

גאונים פון שקלאָוו, מינסק און סלוצק האָבן געהאַט דעם גרעסטן הדרת הכבוד פאַר דעם גאון ר' ברוך מרדכי.

החסיד ר' ברוך מרדכי איז געבאָרן געוואָרן אין דעם נייעם ישוב נעבן דער שטאָט שווינציאַן, פלך ווילנא. דער נייער קליינער ישוב האָט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט און האָט מיט יאָרן שפּעטער געקראָגן דעם נאָמען ניי־שווינציאַן.

ר' ברוך מרדכי איז געווען א גרויסער מיוחס פון דער מוטער'ס צד. זי איז געווען די טאָכטער פון ר' חיים יהודא ליב, איינער פון די גאוני לבוב און ראב"ד דאָרטען. וועגען זיין פאָטער האָט רב"מ געוואוסט, אז ער האָט איבערגעוואנדערט פון לבוב אין ווילנער געגענד און זיך באַזעצט אין דעם קליינעם ישוב לעבן שווינציאַן. שפּעטער מיט יאָרן, אז רב"מ איז בעקאַנט געוואָרן מיט די הנהגות פון די צדיקים הנסתרים [11]), האָט ער פאַרשטאַנען, נאָך זיינע זכרונות פון זיין פאָטער, אז ער איז אויך געווען איינער פון זיי. זייענדיג א גרויסער בעל כשרון האָט ער זייער מצליח געווען אין לערנען, ווען ער איז בר מצוה געוואָרן האָט ער פאַרלאָזען די עלטערנ'ס הויז און איז אוועק לערנען אין ווילנא. אויפן וועג אהין, קומענדיג קיין שווינציאַן, האָט ער דאָרט אין בית המדרש געטראָפן א יונגען מאן א גרויסער גאון און איז געבליבען א געוויסע צייט לערנען אין שווינציאַן. זייענדיג אין שווינציאַן איז זיין פאָטער נפטר געוואָרן און ער איז געבליבען א יתום.

צוויי יאָר צייט — האָט ר' ברוך מרדכי דערציילט — האָב איך געלערנט בא מיין רבי'ן ר' מיכל — גוט באַוואוסט צווישען חסידים מיטן נאָמען ר' מיכעלע אָפּאָצקער [12]) — ניט וויסענדיג אז ער איז דעם רבינ'ס — כ"ק אדמו"ר הזקן — א חסיד. ערשט אויפן דריטען יאָר האָט מיר מיין רבי ר' מיכל אונטער צען שלעסער מגלה סוד געווען אז ער איז איינער פון דעם ליאזנער רבי'נס תלמידים און אז אין שווינציאַן געפינען זיך עטלעכע פון דעם רבי'נס חסידים, און א האַלב יאָר האָט ר' מיכעלע מיט מיר געלערנט חסידות און האָט מיר געעצה'ט צו פאָרן לערנען אין ווילנא.

* * *

קומענדיג אין ווילנא האָט זיך ר' ברוך מרדכי באַקאַנט מיט איינינגע לומדים מפורסמים, איז געווען אין איינינגע ישיבות און געהערט די שיעורים און פלפולים וואס די גרויסע ראשי ישיבות האָבן געזאָגט פאַר די גרויסע תלמידים. אין משך פון א פאָר וואכען צייט איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט די גאוני ווילנא.

דורך א געוויסן צופאַל איז נתפרסם געוואָרן, אז דער יונגער זעכצן יאָריקער בחור'ל איז דאס דער שווינציאַנער עילוי וואס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע אונבעשריינקטע כשרונות, און באלד איז ער געקרוינט געוואָרן מיט דעם נאָמען דער בעל הגיון. ער איז געווען געאַכטעט בא די אלע גאוני ווילנא און איז געוואָרן א אָפּטער אריינגייער צו הראב"ד הגאון ר' שמואל. פון צייט צו צייט האָט ער זוכה געווען צו ריידען אין לערנען מיט דעם גאון — הגר"א נ"ע.

באלד ווי ר' ברוך מרדכי איז געקו־

11) ראה שיחת ח"י אלול תשא, שיחת ח"י אלול תשג.

12) ראה אודותיו „התמים" חוברת א ע' ער.

מען קיין ווילנא האָט ער זיך — דורך א בריף פון זיין רבי'ן ר' מיכעלע — באַקאַנט מיט איינעם פון די חסידי חב"ד אין ווילנא און האָט קובע געווען א שיעור אין לימוד חסידות חב"ד.

אין א שמועס וואס ר' ברוך מרדכי האָט געהאַט מיט איינעם פון די חסידי ווילנא האָט ער זיך דערוואוסט פון דעם חרם וואס דער ראב"ד הגאון ר' שמואל האָט ארויפגעלייגט אויף חסידים און חסידות מיט עטליכע יאר פריער — אין יאר תקלב, — איז ער געוואָרן זייער קאַלט צום ראב"ד הר"ש און האָט אים אָנגעהויבן אויסמיידן.

זייענדיג אין ווילנא עטליכע חדשים האָט זיך רב"מ באקאנט מיט א יונגענמאן וואס האָט געלערנט אין דער גוט באַוואוסטער אין יענער צייט סלוצקער ישיבה און ער האָט בעשלאָסען צו גיין קיין סלוצק. אין דער ישיבה אין סלוצק און דערנאָך אין דעם „ראב"ד'ס ישיבה" אין מינסק — האָט רב"מ פערבראַכט באַ צוויי און א האַלב יאר.

זיין גאנצען לעבן פלעגט רב"מ זיך ניט קענען אָפּלויבן פון דער גרויסקייט פון דעם ראש ישיבה אין סלוצק הגאון הישיש ר' אהרן יעקב און דעם גאון הר"ר מנחם שלמה דער מינסקער ראש ישיבה א תלמיד מובהק פון הגאון האדיר ר' יחיאל (דער מחבר פון „סדר הדורות").

* * *

פון מינסק איז רב"מ צוריק געקומען קיין ווילנא און איז באלד אריין אין דער חסידישער חברותא. זיינע הצטרכות האָט ער באַקומען פון א מחזיקי בני תורה חברה און ער איז געווען פארטיפט אין די לימודי נגלה וחסידות. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך טרעפן מיט איינינע לומדישע יונגע לייט, צווישן זיי אויך דעם ראב"ד'ס הר"ש צוויי זין.

הגאון ר' שמואל — דער ווילנער ראב"ד — איז געווען א איידעם פון דעם באַוואוסטען גאון און נדיב הר"ר יהודה במוה"ר אליעזר ספרא ודיינא דקהל עדת ישראל בעיר תהלה ווילנא. צוליב זיינע גרויסע צדקות און פארשיידענע טובות וואס הגאון ר' יהודה האָט געטאָן דער קהלה ·האָט מען אים געגעבן דעם טיטול יסו"ד — יהודה ספרא ודיינא דקהלה קדישא ווילנא, אויך אויף זיין מצבה איז אויסגעקריצט דער טיטול הרב מוהר"ר יסו"ד דק"ק ווילנא. אין יאר תקכח איז דער גאון הר"ר שמואל געוואָרן א אלמן און נאָך א משך זמן רב האָט ער גענומען די אלמנה — די מוטער פון רב"מ.

איינמאָל האָט רב"מ דערהערט אַז הגאון ר' שמואל האָט גענומען א פרוי א גרויסע מיוחסת, די טאָכטער פון דעם באַוואוסטען גאון ר' חיים יהודה ליב ראב"ד אין לבוב, א אלמנה וועלכע האָט געלעבט אין א ישוב נעבן שווינציאן.

רב"מ האָט פארשטאַנען אַז דאָס איז זיין מוטער, אבער זייענדיג א גרויסער מתון האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן עטליכע חדשים פון צו זעהן זיך מיט דער מוטער ביז ער וועט זיך איבערלעגען ווי צו טאָן.

זייענדיג אין סלוצק האָט ער זיך דערוואוסט אז די גרויסע ישיבה וואו הגאון הישיש הר"ר אהרן יעקב איז דער ראש ישיבה ווערט אויסגעהאַלטען פון א קרן קימת וואס איינער א גרויסער ת"ח און גביר האָט איבערגעלאָזן בירושה. זיינע צוויי זין זיינען פריער אויך געווען גבירים אדירים אָבער דאן זיינען זיי שוין נישט געווען אזוי רייך ווי געווען אבער די ישיבה האָבן זיי אויסגעהאַלטן בהרחבה.

וויסענדיג די גרויסע התנגדות פון גאוני ווילנא אויף דער שיטת הבעש"ט ממעזיבוז און צו דער תורה ושיטת הרב המגיד ממעזריטש ותלמידיו החבריא קדישא איז רב"מ געווען זייער פארוואונדערט וואס אין סלוצק דערמאָנט מען דעם בעש"ט מיט גרויס הדרת כבוד, מען דערציילט אז אויף חנוכת הבית פון דעם גרויסן בית המדרש און די ישיבה וואס די צוויי זין האָבן אויסגעבויט איז געקומען דער בעש"ט, און מען וויזט א גרויסן שטיין נעבען דעם בית מדרש הגדול וואו דער בעש"ט איז געשטאַנען און געזאָגט תורה [13]).

אין מינסק האָט הרב"מ געפונען א עדה חסידי חב"ד וואס האָבן געהאָט א אייגענע שטיבל וואו זיי האָבן געדאווענט און געלערנט און האָט דאָרט געטראָפן יונגע לייט גרויסע לומדים און בעלי מדות. ער האָט באמערקט פיעל מאָל ווי זיי — די חסידים — זיינען נעלבים ואינם עולבים. שומעים חרפתם ואינם משיבים — וואס דאס האָט אויף אים געמאכט א שטאַרקען רושם און ער האָט באַשלאָסן מערער איינצושליסען זיך אין עדת החסידים. אז ער האָט זיך אומגעקערט אין ווילנא האָט ער זיין באשלוס פארווירקליכט און האָט זיך איבערגעגעבען צו לערנען חסידות און צו גיין אין די דרכי העבודה ע"פ שיטת החסידות.

* * *

רב"מ האָט זייער געוואלט זען זיין מוטער און לאזן זיך דערקענען צו איר, אבער וויסענדיג די גרויסע התנגדות און שנאה פון דעם ראב"ד צו עדת החסידים האָט ער ניט געקענט פועל זיין בא זיך צו גיין צו אים אין הויז.

אין משך פון די עטלעכע חדשים וואס רב"מ האָט געלעבט אין ווילנא נאָך זיין צוריק קערן פון סלוצק־מינסק איז נתפרסם געווארן אז דער יונגער בעל הגיון איז ווידער געקומען אין ווילנא. די גאוני ווילנא וועלכע האָבן גוט גע־דענקט די שטאַרק פיינע חדושי תורה וואס זיי האָבן פון אים געהערט, אויך דער ראב"ד הר"ש האָט אים זייער געוואָלט זעהן, אבער ער — רב"מ — האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון דער באגעגעניש.

בא הגאון הר"ש זיינען געווען צוויי אויסגעגעבענע זין און א אידעם א אלמן. אלע דריי זיינען געווען גרויסע לומדים און האָבן פארנומען פארשיידענע ערטער אין די ישיבות. הגאון הר"ש האָט אויך געהאַט א טאָכטער א בת זקונים פאר וועלכער ער האָט געזוכט א שידוך.

אין יענער צייט האָט זיך מער צופלאַקערט די באוואוסטע מחלוקת צווישען דעם ראב"ד הר"ש און דער ווילנער קהלה, דאָך האָט דער ראב"ד געהאָט די פילע טויזענטער אנהייגער אין ווילנא און אין דעם גאנצען גליל, אויך האָט זיינע גאונות געשם'ט אין אלע ארומיגע מדינות, און פילע גאונים פון פוילין און אשכנז האָבן זיך משתתף געווען בצערו.

איינִיגע פון די גאוני פולין ואשכנז, וועלכע האָבן געקענט די גאונים דעם בעל הפלאה און אחיו הגאון ר' שמעלקע און אנדערע צדיקים וגאונים פון דער חבריא קדישא תלמידי הרב המגיד ממעזריטש נ"ע האָבן תולה געווען אַז דער עונש המחלוקת וואָס האָט צובראָכן דעם גאנצען תורה וגדולה מצב פון הגאון ר"ש איז געווען פאר דעם חרם וואס ער האָט מכריז געווען אויף תורת

13) ראה „התמים" חוברת ה ע' מג, שיחת הה"ש תשב.

הבעש"ט נ"ע און אויף דער חבריא קדישא תלמידי הרב המגיד ממעזריטש נ"ע.

* * *

אין איינעם פון די שמועסען וואס הגאון הר"ש קינדער האָבן געהאַט מיט אים וועגן די שידוכים וואס מען קען פאַרלייגען פאַר זייער שוועסטער, האָט הגאון הר"ש'ס רבצין געהערט אז מען רעדט וועגען דעם בעל הגיון דעם שווינציאנער עילוי, איז איר די זאַך שטאַרק אריין אין קאָפּ, ווייל זי האָט ניט לאַנג געהערט דעם נאָמען שווינציאנער עילוי און זי האָט אויך געהערט, אַז איר זון ברוך מרדכי, וועלכער איז אוועק לערנען אין ווילנא האָט זיך אָפּגעשטעלט לערנען אין שווינציאַן, איז איר אריין א רעיון אפשר, איז דער שווינציאנער עילוי גאָר איר זון.

בא אגעלעגענהייט האָט זי געפרעגט באַ איר מאַן'ס קינדער ווי איז דער נאָמען פון דעם עילוי און ווי ערשטוינט איז זי געווארן הערנדיג דעם נאָמען ברוך מרדכי. דאן האָט זי דערציילט איר מאַן הגאון הר"ש אז זי האָט א זון ברוך מרדכי וועלכער איז געוועזן א גרויסער בעל כשרון, שוין̃ עטליכע יאר ווי ער איז אוועק לערנען און זי האָט פון אים ניט געהערט די גאַנצע צייט.

הגאון הר"ש האָט אין איניגע טעג ארום איינגעלאדן רב"מ צו זיך, די מוטער און זון האָבן זיך בײדע דערקענט. הגר"ש האָט געבעטן ר' ברוך מרדכי'ן וואהנען צו זיך אין הויז, אבער רב"מ האָט די איינלאדונג ניט אָנגענומען.

דורך דער גרויסער השתדלות פון די גאונים ר' שלמה און ר' אביגדור — הגאון הר"ש קינדער — האָט ר' ברוך מרדכי, מיט זיין מוטער'ס הסכמה, מסכים געווען צום שידוך מיט דער טאָכטער פון הגאון הר"ש.

נאָך דער חתונה האָט זיך רב"מ איינגעאָרדענט אין א אייגענע דירה און איז געוואָרן א ראש ישיבה אין איינער פון די גרעסטע ישיבות אין ווילנא און איז געאַכטעט געווען בא די גאוני ווילנא.

אין יאר תקנא — צען יאר נאָך ר' ברוך מרדכי'ס חתונה — איז הגאון ר"ש נפטר געווארן און די פרנסי הקהלה האָבן מחליט געווען אז מער זאָל מען אין ווילנא ניט אויפנעמען קיין ראב"ד.

* * *

די עדת החסידים אין ווילנא האָבן זייער געשעצט די השתתפות פון רב"מ אין זייער חברותא און זיי האָבן אלע געלערנט חסידות בעיון ובהתמדה גדולה.

פון צייט צו צייט ווערט רב"מ אלץ מער אריינגעצויגען און פאראינטערעסירט אין דעם לימוד תורת החסידות, און א דאנק דער גוטער ארבעט פון עטליכע יונגעלייט וועלכע נעמען אנטייל אין דער חסידישער חברותא באַקומען זיי גאנץ אָפט נייע מאמרי תורה וואָס דער רבי זאָגט אין ליאזנא.

דער נאָענטסטער צו ווילנא — גרעסטער חסידות חב"ד צענטער איז געווען די שטאָט פּאָלאָצק, וואו כמעט ניינציג פראָצענט אידן פון שטאָט זיינען געווען חסידים און די אכט גרעסערע בתי מדרשים פון שטאָט, און אויך א צאָל שטיבלעך, זיינען געווען חסידישע.

די שטאָט פּאָלאָצק האָט איר דברי הימים. אין די זמנים פון ר' יואל בעל שם און ר' אדם בעל שם[14]) איז אין פּאָלאָצק געווען א כנופיא בעלי קבלה

14) ראה שיחת ח"י אלול תשא.

און צדיקים נסתרים. אין דעם בעש"ט'ס צייט איז פאלאצק געווען פון די ערשטע וועלכע האט אנגענומען די שיטת הבעל שם טוב, און מיט גרויס הצלחה איז אין פאלאצק געוואקסן די עדת חסידי חב"ד. אין משך פון צען יאר — תקלד־תקמד — איז פאלאצק מיט דעם גאנצן גליל געווארן חסידי חב"ד.

פיעל האבן געהאלפן צו דעם די תלמידי החדרים וואס דער רבי האט מיסד געווען אין ליאזנא אין יאר תקלג — אידער ער איז געפארן בעגלייטען ר' מענדעלע הארדאקער — און האט אויך בדעה געהאט אליין צו פארן קיין ארץ ישראל [15]).

דער רבי איז געווען א גרויסער סדרן. פון דעם ערשטען טאג וואס ער האט איינגעארדענט די תעמולה ארבעט צו מפרסם זיין תורת חסידות חב"ד האט ער מסדר געווען צווייערליי כתות עסקנים: איין כתה איז געווען פארנומען אין נסיעות און זייער ארבעט אין די נסיעות איז געווען אין דיבור און פונאנדערטיילען די כתבים — מאמרי חסידות — אין די ערטער וואוהין זיי פלעגן קומען; די צווייטע כתה האט זיך עוסק געווען אין איבערשרייבען און צוגרייטען די כתבים — מאמרי חסידות — וועלכע מען האט בעדארפט האבן אין די פילע טויזענטער.

אין יענער צייט — שנת תקנב — איז אין פאלאצק געווען א תעמולה אפטיילונג וועלכע האט זעהר פעהיג געארבעט אויף מפרסם צו זיין שיטת הבעש"ט מיט דער הגיונ'דיקער תורת חסידות חב"ד ערקלערונג, וואס עס האט זיך בעזה"י, ערפאלגרייך צוגענומען בא די רייסישע בני תורה.

מיט דער הילף פון די עטליכע רייכע יונגעלייט אין דער חסידישער חברותא אין ווילנא פלעגט מען אפט שיקען א כאדאק — א שליח א פוסגייער — אין פאלאצק ברייגנען פרישע מאמרי חסידות.

אין איינעם פון די ספורים וואס הגאון החסיד ר' ברוך מרדכי פלעגט דערציילען איבער די איבערלעבונגען פון דער חסידישער חברותא אין ווילנא אין דער פארבארגענער תקופה, האט ער געשילדערט ווי אזוי בסודות'דיק עס פלעגט פארקומען דער צוזאמענריידען זיך מיט דער חסידישער חברותא אין שווינציאן און פאלאצק דורך ספעציעלע שלוחים, וואס עס איז געווען פארבונדען מיט א געוויסער סכנת נפשות.

די טיפע מאמרי חסידות האבן געהאט צוציהונגס־קראפט און געמאכט א שטארקע השפעה אויף די ליטווישע בעלי כשרונות, און מער ווי אויף אלעמען אין יענער צייט אין דער ווילנער חברותא האבן די טיפע מאמרי חסידות צוגעצויגען דעם גאון ר' ברוך מרדכי. מיט זיין הגיון־כשרון האט ער געשלונגען יעדן ווארט און שעה'ן לאנג פלעגט ער זיין פארטיפט אין די עניני השכלה פון די מאמרי חסידות.

נאך פילע יארן לערנען די מאמרי חסידות בהתמדה ובשקידה גדולה איז אין יאר תקנג ר' ברוך מרדכי געקומען דעם ערשטען מאל צום רבי'ן אין ליאזנא, וואו ער האט פארבראכט עטליכע וואכן.

די דריי יאר פון תקנג ווען רב"מ איז געווען דעם ערשטען מאל ביים רבי'ן ביז תקנז ווען ער איז געקומען דעם צווייטן מאל אין ליאזנא, האט ער געהאט צו דערציילען פון דעם וואס ער האט געהערט און געזעהן בא די תלמידי החסידים היושבים בליאזנא,

15) ראה „התמים" חוברת ב מכתב „אבות החסידות".

און וואס ער האט געהערט און געזעהן ביים רבי'ן.

* * *

כ"ק חותני הרה"ח ר' אברהם נ"ע האט מיר דערציילט — תמוז תרנו — וואס ער האט געהערט פון כ"ק אביו דו"ז אדמו"ר מוהרי"נ נ"ע מנעזין וועגן זקני החסידים און בין הספורים האט ער אים דערציילט וואס ער האט געהערט מהגאון ר' ברוך מרדכי ווען ער איז געקומען אין יאר תריא קיין ליובאוויטש זעגענען זיך פאר זיין אפפארען קיין ארץ ישראל און האט דאמאלסט פארבראכט אין ליובאוויטש עטלעכע וואכן.

ר' ברוך מרדכי — דערציילט כ"ק אדמו"ר מוהרי"נ — איז געווען א יפה תואר און לפי ערך זיינע יארן — א בן תשעים — איז ער אויך געווען א יפה מראה. די חכמה און די אידלקייט איז געווען אויסגעשפרייט אויף זיין קלארן ריינעם פנים מיט די גרויסע שווארצע לעבעדיגע אויגען און דער ברייטער הויכער שטערן מיט דער ברייטער גראער בארד און די געקרייזעלטע פיאות, זייער ריין אנגעטאן, מיט זיין פה מפיק מרגליות און א פעסטע שטימע ווי א מענש אין די גאר מיטעלע יארן.

דעם ערשטן מאל — דערציילט רב"ם — וואס איך בין געווען ביים רבי'ן אין ליאזנא, איז דאס געווען אין יאר תקנג, נאך דעם ווי איך האב שוין א משך זמן רב געלערנט מאמרי חסידות. איך האב געהערט פון כמה גאוני ווילנא וואס האבן געהערט חידושי תורה פון דעם רבי'ן בעת ער איז געווען מיט כ"ק הרה"צ הרמ"מ מהאראדאק אין ווילנא ווען זיי האבן זיך געוואלט זעהן מיט הגר"א, אויך האב איך געטראפן יונגע לייט גרויסע לומדים וואס האבן איבערגעזאגט דעם רבינ'ס חדושי תורה אין כמה סוגיות, אבער פון דעם אלעמען בין איך נאך ניט געווען אזוי בעגייסטערט פון דעם רבי'נס חדושי תורה און מיין גיין צום רבי'ן אין ליאזנא איז געווען דורכאויס לשמה צוליב תורת החסידות.

קומענדיג אין ליאזנא האב איך זיך דערוואוסט, אז דער סדר איז, אז מען מוז זיין פריער בא דעם רבי'נס ברודער מהרי"ל, וועלכער איז געווען דער ממונה אויף די אלע יונגע לייט וואס פלעגען קומען צום רבי'ן אין ליאזנא, צו מסדר זיין אין אש"ל אויך שיקען זיי צום פארהערען אין לערנען, נאך דער בחינה אין לערנען גיט מען ארויס א סדר אין לערנען נגלה און א סדר אין לערנען חסידות מיט א זמן קבוע צוויי אדער דריי וואכן און נאכדעם ערשט ווערט דער יונגערמאן ארייגעלאזען צום רבי'ן אויף יחידות.

די בוחנים אין לערנען זיינען געווען דעם רבי'נס ברידער, הגאונים ר' מרדכי און ר' משה. דער גאון ר' מרדכי, איז זיין הויפט גאונות געווען אין תלמוד בבלי מיט ראשונים און הגאון ר' משה איז זיין הויפט גאונות געווען תלמוד ירושלמי און רמב"ם. אמאל פלעגט נאר איינער פארהערען און אמאל פלעגען בידע פארהערען.

נאך דעם ערשטען שמועס אין לערנען — דערציילט רב"מ — מיט די גאונים ר' מרדכי און ר' משה בין איך געווען ווי אין הינערפלעט ניט וויסענדיג וואס מיט מיר טוט זיך.

צוויי וואכן צייט האט געדויערט מיין הכנה ביז איך בין אריין צום ערשטען מאל צום רבי'ן אויף יחידות.

* * *

בא דער ערשטער יחידות האט מיר דער רבי ניט געענטפערט אויף מיינע

שאלות אין עניני עבודה, נאָר ער האָט באַ מיר געפרעגט צי איך האָב שאלות אין לערנען און אין וועלכע ענינים.

מער ווי א יאָר אז איך האָב געהאַט צוויי שווערע שטעלן, איינער אין ירושלמי דער צווייטער אין רמב"ם, אויף וועלכע איך האָב ניט געהאַט קיין ישוב. איך האָב די ענינים פאַרגעלייגט פאַר דעם גאון — הגר"א — און ער האָט זיי מיר זייער גוט אויפגעקלערט, אָבער קיין ישוב אויף מיינע שאלות האָט ער מיר ניט געגעבען. שטייענדיג ביים רבי'ן אויף יחידות האָב איך דעם רבי'ן פאַרגעלעגט מיינע שאלות אין די ביידע ענינים, און בין איבעראַשט געוואָרן צו הערן פון אים א ישוב מסודר אויף ביידע ענינים.

ווען איך בין ארויס פון יחידות אויבערשטיבעל, אַראָפגייענדיג אין גן עדן התחתון — חסידים פלעגן רופן דעם קליינעם שטוביקען בית־הכנסת, גן עדן התחתון — און דער עולם חסידים און יונגע לייט האָבן מיר אריינגענומען אין דעם „חסידות־מחול"

— דער סדר בא חסידים הראשונים איז געווען, און אזוי האָט דער מנהג אָנגעהאלטען די ערשטע דריי דורות פון די נשיאות — נשיאי חב"ד — אז די וואָס זיינען ארויס פון רבי'ן נאָך יחידות איז מען געגאַנגען א טענציל, דאָס האָט מען גערופען יחידות־קאָראָהאָד אָדער דער יחידות מחול —

האָב איך גאָר נישט געזען גאָרנישט געהערט, איך בין געווען אינגאַנצען פאַרגאַפט פון די איבערמענשליכע גאונות וואָס איך האָב געהערט פון דעם רבי'ן און די ישובים אויף מיינע צוויי שאלות.

פון דעם ערשטען מאָל זיין באם רבי'ן אין ליאזנא ביז דעם צווייטן מאָל זיינען דורכגעגאַנגען דריי יאָר און די גאנצע צייט איז מיר געשטאַנען דעם רבי'נס געשטאַלט פאַר די אויגן און זיין הייליגע שטימע מיט די דברי תורה אין נגלה און אין חסידות האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן.

קומענדיג אהיים האָב איך זיך נאָך מער גענומען צום לימוד מאמרי חסידות, אויך דער לימוד הנגלה איז בא מיר געוואָרן פיל מער בעיון און טיפער.

די עטליכע וואָכן וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער חברותא פון די שלשה נסיכי אדם, זעהענדיג דעם גרויסן הדרת הכבוד וואס הגאון ר' מרדכי האָט פאר רש"י'ס אַ וואָרט און דעם גרויסן שיקול הדעת אין די ואם תאמר'ס און ויש לומר'ס פון תוספות, הערנדיג די איידעלע הגיון'דיגע סברות ווי דער גאון ר' משה נעמט פאַנאַנדער אַ רמב"ם און גלייכט אויס א ירושלמי סוגיא מיט א בבלי סוגיא, זעהענדיג די אסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא ווי הגאון ר' ליב אכטעט מיט דעם יראת שמים פלאַטער איבער א הגהת הרמ"א און איבער א דיוק פון ט"ז וש"ך.

דאָס אַלץ, און ועל כולם דער רבי, האָט מיר געעפענט א נייעם צנור אין דער השכלה און השגה אין ידיעת התורה, מיט א אמת'ן לב נשבר בין איך אוועק געגאַנגען פון רבי'ן און די שלשה נסיכי אדם.

* * *

הגם מיר זיינען געגאנגען א גרויסע חברותא בא זעקס מניינים, בתוכם פיעל יונגעלייט, גרויסע לומדים און אויך עלטערע חסידים, וועלכע זיינען נאָך געווען מחונכים בא הרה"צ הרמ"מ מהאָראָדאָק און באַ הרה"צ הר"א מקאַליסק און זיינען נאָך געווען בא דעם מעזריטשער מגיד, מען האָט געחזרט די תורות און מען האָט דערציילט ספורים, און אין יעדער ישוב און

שטעטל, וואו מיר זיינען דורכגעגאנגען האָט מען אונז מקבל פנים געווען מיט שמחה און חיבה, דאָך איז יעדער געגאנגען מיט א לב נשבר, וואָס מען איז אוועקגעגאנגען פון דעם מעין התורה בנגלה ובנסתר.

פון אָרט צו אָרט איז אונזער חברותא אלץ ווייניגער געוואָרן און קיין שווינציאַן זיינען מיר געקומען אינגאַנצען זאלבעפינפט, דריי שווינציאנער און צוויי ווילנער.

עטליכע מייל פאר שווינציאַן האָבן מיר — די צוויי ווילנער — זיך געמוזט אָפּזונדערן פון אונזערע חברים די שווינציאנער, ווייל אין שווינציאַן איז שוין די עדת החסידים געווען בגלוי און די אלע דריי הגם זיי זיינען געווען סוחרישע מענשען זיינען זיי אָבער גע־ווען גוט באַוואוסטע חסידים און בכדי אז אויף אונז ווילנער זאָל ניט פאַלן קיין חשד, אַז מיר זיינען חסידים, האָבן מיר זיך געמוזט אָפּזונדערן.

קומענדיג אהיים איז באַ מיר געווארן א גרויסע בענקעניש נאָך דעם רבי'ן, נאָך די שלשה גאונים און די חבריא קדישא וואָס באַ דעם רבי'ן, און מיין גרויסע בענקעניש האָב איך געשטילט מיט דער שקידה אין לימוד הנגלה און די מאמרי חסידות וואָס איך האָב מיט־געבראַכט.

איך בין אזוי געווען איבערגעגעבען צו דעם שקידת הלימוד פון נגלה און פאַרטיפט אין דער התמדה פון דעם לימוד מאמרי חסידות, אַז איך האָב אָנגעהויבען אָפּט פארפעלן צו זאָגן די שיעורים אין דער ישיבה פון וואַנען איך האָב געהאַט חיונה בשפע ובכבוד גדול. מיין שוואָגער ר' אביגדור, וועל־כער איז אויך געווען איינער פון די ראשי־ישיבות אין א קלענערע מחלקה אין דער זעלבער ישיבה, האָט מיר שטאַרק מוכיח געווען פאַר דעם ביטול תלמוד תורה דרבים און דעם חשש פון עושה מלאכת ה' רמי', אָבער א משך זמן האָב איך זיך ניט געקענט באַרוהי־גען, און מיין באַפרידיגונג איז געווען נאָר מיט דער שקידה און התמדת הלימודים.

* * *

מיין שוואָגער ר' שלמה האָט געוואוסט פון מיינע אויבענדערמאַנטע צוויי האַרבע שאלות אויף די ענטפערס וואָס דער גאון האָט אויף דעם געענט־פערט, ווייל אָפּט פלעגן מיר ריידן וועגן דעם און זוכן טאָמער וועט זיך אונז איינגעבען צו געפינען א ישוב, און ווען איך האָב שוין געהאַט די אמת'ע ישובים האָב איך געהאַלטען פאַר א יושר דאָס דערציילען מיין שוואָגער, אָבער ליידער האָב איך דאָס ניט גע־קענט טאָן, ווייל קומענדיג פון רבי'ן האָב איך מיין שוואָגער ניט געטראָפען אין דערהיים, ער איז אוועק אָפּריכטען גלות.

ווען מיין שוואָגער איז אין עטליכע חדשים ארום צוריק געקומען אהיים, האָב איך אים דערציילט וועגן די ישובים אויף די צוויי שווערע שאלות, און ער איז געווען אין גרויס התפעלות. ער האָט מיך אויפגעפאָדערט מיר זאָלן זיין ביים גאון און הערן זיין חוות דעת וועגען דעם.

איך האָב ערפילט די פאָדערונג פון מיין שוואָגער און מיר זיינען געגאנגען צום גאון. באלד ווי איך האָב אָנגעהויבען ריידען אין איינעם פון די צוויי ענינים האָט דער גאון בקצרה דערמאָנטביידע ענינים, אויך דאָס וואָס ער האָט געמיינט צו ענטפערן און האָט געזאָגט אז פון דאמאלסט אָן האָט ער אין די ענינים עטליכע מאָל געטראַכט און ניט געפונען קיין ישוב.

ווען איך האב מרציא געווען די ישובים אויף די צוויי שאלות, איז דער גאון געווארן אין גרויס התרגשות און זיצענדיג אין טלית און תפילין האט ער זיך אויפגעשטעלט מלא קומתו און געזאגט בזה הלשון:

אזעלכע ישובים קען נאר זאגן דער ריש מתיבתא דרקיע און אויב א גאון א צדיק האט דאס געזאגט ווייס ער דאס ברות הקדש. ווען איך הער דאס מפי הגאון הצדיק בעצמו, וואלט איך זאגן ווי ר׳ יוחנן האט געזאגט [16]) מובילנא מאני׳ אבתרי׳ לבי מסותא.

ווער איז דער גאון וצדיק — זאגט גיסי הר״ש, — וואס האט אים מיישב געווען די שאלות זאגט ר׳ ברוך מרדכי ניט. דער גאון האט אויף מיר א שטארקן קוק געטאן און האט גאר ניט געזאגט.

שפעטער האט מיר שטארק פארדראסען פארוואס איך האב ניט געזאגט דעם גאון, אז דער רבי — דער מנהיג פון די חסידים ווי מען האט אים דאן גערופן — האט דאס מיר מיישב געווען די צוויי שאלות. עס קען זיין אז דאס וואלט געווירקט א קירוב הדעת און עס וואלט ניט געקומען צו אזעלכע שגיאות מצד גדולי ישראל המנגדים.

ווען דער גאון האט גוזר געווען צו פארברענען דעם ספר התניא, הגם איך בין שוין דאן געווען מפורסם פאר איינעם פון די עדת החסידים, האב איך געהאט א געוויסע איינזעהעניש בא דעם גאון, האב איך אים דאן דערציילט אז די ישובים אויף די צוויי הארבע שאלות האב איך געהערט פון רבי׳ן, און איך האב אים דערמאנט די ווערטער וואס ער האט דאן געזאגט און ר׳ יוחנן׳ס מאמר, אבער דער גאון האט דאס ניט אנגענומען — זאגענדיג, אז ע״פ דיני התורה בין איך ניט נאמן, ווייל איך בין א נוגע בדבר.

* * *

ווי מיר ווייסן פון די ספורים איבער די פאסירונגען בהנוגע צו עדת החסידים בכלל און עדת חסידי ווילנא בפרט, וואס עס האט פאסירט אין די זעקס יאר פון יאר תקנו ביז תקסב און די אנטיילנעמער פון די בידע צדדים, ווייסן מיר אז הגאון החסיד ר׳ ברוך מרדכי איז געווען איינער פון די עמודי התוך אויף וועלכען די עדת החסידים האט זיך געקענט פארלאזען און איז אויך געווען געאכטעט בא דער עדת המנגדים.

ענדע יאר תקסא אדער אנפאנגס תקסב האבן די פרנסי הקהלה אין באברויסק מחליט געווען געבן דעם כתר הרבנות דעם גאון החסיד ר׳ ברוך מרדכי און גאר אין א קורצער צייט האט ער געקראגען דעם גרעסטן שם טוב אין דער רבנישער וועלט אויך צווישען די גאוני שקלאוו, סלוצק און מינסק.

ווען ר׳ ברוך מרדכי האט פארלאזן ווילנא האבן אויך עטלעכע צענדליג חסידישע פאמיליעס פארלאזן ווילנא און האבן זיך באזעצט אין באברויסק.

צווישען דער עדת החסידים אין ווילנא איז דאן געווען איינער ר׳ חיים זעליג, א פיינער בן תורה און א עוסק אין חסידות, ווי דער דרך־החסידים איז געווען. זיין פרנסה איז געווען, וואס ער האט געהאט פורן און געדונגענע מענשען — בעלי עגלות אדער שמייסער — וואס פלעגן גיין מיט די פורן און געפירט מענשען און סחורות אין די ארומיגע שטעט.

איינער פון די פורן־פירער איז געווען

16) עירובין כז ב.

אַ פּשוטער יונגערמאַן, זלמן ליב איז געווען זיין נאָמען.

זלמן ליב׳ס פאָטער איז געווען אַ איד אַ בן תורה. ער איז אָבער געשטאָרבען יונגערהייט און זלמן ליב האָט זיך געוואַלגערט אָן הדרכה, ביז וואַנען איינער אַ חסידישער מלמד ר׳ יעקב שלמה, האָט אים גענומען פאַר אַ שומר צו ברענגען און אָפּפירען די חסידישע קינדער אין און פון חדר. הגם ער איז געווען זייער אַ פּשוטער אָבער אַ גרויסער ירא שמים און אַ תם לב, און ביגיעה גדולה האָט ער זיך עפּעס אויסגעלערנט. ניט קענענדיג פאַרשטיין וואָס עס איז געשריבן אין לשון הקדש, האָט ער געלערנט אַלעס וואָס ער האָט געקענט אין די ספרי קדש, וועלכע זיינען געשריבן אין דער אידישער שפּראַך.

זלמן ליב האָט אמאָל געהערט, אַז איינער פון די פּוסקים שרייבט אַז מעביר זיין די סדרה בעדאַרף מען צוויי מאָל יעדן פּסוק און איינמאָל דעם תרגום און אַ ירא שמים וואָס איז מהדר במצות באַדאַרף אויך לערנען דעם פּירוש רש״י אויב ער פאַרשטייט אויף לשון קדש און אויב ניט זאָל ער לערנען צאינה וראינה. פון דעמאָלסט אָן פלעגט זלמן ליב מעביר זיין די סדרה שנים מקרא ואחד תרגום און אויך לערנען צאינה וראינה אויף אידיש.

נאָך דער חתונה איז ער אָנגעקומען צו חיים זעליג׳ען פאַר אַ פּאָרער און אין שטאָט האָט מען אים גערופען זלמן ליב דער שמייסער.

במשך פון עטלעכע יאָר האָט זיך זלמן ליב איינגעלעבט אין דער חסידישער משפחה אין ווילנא. געדאַווענט דעם חסידישען נוסח, געפירט זיך אין די דרכי החסידות און ניט קוקענדיג אויף זיין שווערע פרנסה, ארומפאָרענדיג טעג און נעכט, האָט ער זיך געפירט מיט זיין חסידישען סדר.

ווי פּראָסט זלמן ליב איז געווען, איז זיין דאַווענען געווען מיט אַ באַזונדער שפיכת הנפש. ער איז בטבע געווען אַ בעל בכי אַ לב נשבר און ביותר האָט אים זייער צובראָכען זיין פּראָסטקייט. מיט זיין גאַנצער נשמה האָט ער געבענקט צו וויסן תורה, אויך האָט ער געהאַט אַ נעימותדיקן קול, און דער וואָס האָט געהערט זיין דאַווענען איז געווען געריהרט, אָבער די מנגדים פלעגען זאָגען, דער חסיד זלמן ליב דער שמייסער.

ווען הגאון החסיד ר׳ ברוך מרדכי און די עטליכע צענדליג משפחות האָבן פאַרלאָזן ווילנא און אריבער קיין באָברויסק איז זלמן ליב מיט זיין משפחה אויך אריבער קיין באָברויסק, און אויף דער עצה פון הרב רב״מ האָט ער געלאָזן די עגלה ארבעט און גענומען אַ גאָרטן ארבעט — גן ירקות — און השי״ת האָט אים געגעבען אַ שפע ברכה אין זיין ארבעט.

זלמן ליב איז געווען זייער צופרידען און גליקליך מיט דעם וואָס ער האָט געביטען זיין ארבעט. ניט קוקענדיג אויף זיינע יאָרן האָט ער זיך גענומען אַ מלמד צו לערנען מיט אים אַ שיעור קבוע בכל יום און אין די פרייטעג פון גאָרטן ארבעט פלעגט ער מאריך זיין בתפלתו.

* * *

אין אַ משך זמן רב האָט זיך געמאַכט אַז דער ראש הישיבה, ר׳ אביגדור בן הגאון ר׳ שמואל — ר׳ ברוך מרדכי׳ס שוואָגער — איז געווען אין מינסק. הגם זינט עס איז באוואוסט געוואָרן אַז רב״מ געהערט צו דער כת החסידים האָבן זיינע ביידע שוואָגערס אָפּגעבראָכען זייערע באַציהונגען מיט אים, נאָר זיי־

ענדיג אין מינסק און הערענדיג דעם גרויסן הדרת הכבוד צו רב"מ פון גאוני מינסק האָט ר"א געלאָזט וויסן דעם שוואָגער הרב"מ, אז ער וואָלט וועלן קומען צו אים אין באָברויסק זעהן זיך.

הרב"מ, וועלכער איז בטבע געווען א איש מנוחות און אוהב שלום איז געווען זייער צופרידן פון דער ידיעה און האָט באַלד געמאַכט א אסיפה רבתי פון זט"ה (ז׳ טובי העיר) און גאוני העיר ונכבדי׳ און מען האָט מחליט געווען צו שיקען א מלאכות פון בני תורה מקבל פנים זיין ר׳ אביגדור׳ן אין א שטעטל אויפן וועג, אויך מען זאָל מכין זיין א גרויסן קבלת פנים אין איינער פון די גרעסטע בתי כנסיות אין באָברויסק, וואו דער אורח חשוב וועט זאָגן א פלפול.

ווען דער אורח איז אָנגעקומען האָט מען אים געפירט אין דער גרויסער שול, וואו עס האָט זיך פארזאמעלט אַ גרויסער עולם, און בכדי, אז דער אורח זאָל זיך אַביסל אָפּרוהען האָט מען אים אריינגעפירט אין חדר שני פון בית הכנסת. להיות אז דאָס איז געווען אַ חסידישע שוהל איז דאָרט — נעבן חדר שני — געווען נאָך א צימער א „חבדני־צע", וואו עס פלעגן דאַוונען די וואס פלעגען זיך עוסק זיין בתפלה במתינות און באריכות.

זייענדיג אין חדר שני האָט ר׳ אביגדור געהערט א מתיקות׳דיקן קול וואָס האָט גענומען ביים האַרץ מיט די שפיכות הנפש׳דיקע און כלות הנפש׳דיקע טענער. ער האָט זיך זייער געוואונעדרט אויף דעם, אָבער וויסענדיג, אַז באָברויסק איז א חסידישע שטאָט און צווישן חסידים זיינען פאַראַן מאריכים בתפלה אפילו שפעט נאָך חצות היום, האָט ער פאַרשטאַנען אז דאָס מוז זיין איינער פון די חסידים.

אָבער זייענדיג זייער גערירט פון דער מתיקות׳דיגער נגינה האָט ער געפרעגט באַ זיין שוואָגער רב"מ ווער איז דאס דער חסידישער שפעטיגער דאַוונער.

רב"מ האָט געענטפערט, אַז דאָס איז זלמן ליב דער שמייסער, וועלכער איז געווען א פורמאַן באַ חיים זעליגען אין ווילנא.

ר׳ אביגדור האָט מיט שפּאָט געענטפערט: זלמן ליב דער שמייסער אויך מיר א דאַוונער, ער איז דאָך מער ניט ווי א פיאַטע פון דאַוונער.

רב"מ האָט גאָר ניט געענטפערט.

ווען ר׳ אביגדור האָט אָפּגעזאָגט זיין פלפול וועלכען ער האָט מסיים געווען מיט א דרוש אין אגדה פאר בעלי בתים איז ער געווען זייער בדיחא דעתי׳.

ווען ער האָט דערזעהן ר׳ זלמן ליב׳ן האָט ער זיך ניט געקענט צוריק האַלטען און א זאָג געטאָן אָט איז דער פיאַטע דאַוונער.

רב"מ פילענדיג דעם שטאָך און חילול כבוד החסידות והחסידים ברבים האָט געענטפערט, אַז א פיאַטע פון אַ דאַוונער איז א דבר גדול על פי תורה און ברייגגט א תועלת אין דריי זאַכן.

די לומדים און נכבדי באָברויסק, וועלכע האָבן שוין גוט געקענט די חכמה און מתינות פון מורם ורבם רב"מ האָבן פארשטאַנען, אַז געוויס וועלן זיי הערן עפּעס א געוויסע חריפות און א צחות־גלייך ווערטל — וואס אזוי איז געווען מנהגו של הרב"מ מיט אַ איידעלער צחות יענעם געבען צו פאר־שטיין ווי ער איז ווערט.

עס איז א משנה מפורשת — זאָגט הרב"מ, אַז אַ פיאַטע פון א דאַוונער זאָגט דריי זאכן.

הר"א און אויך די לומדים האָבן א קוק געטאָן פארוואונדערט אויף רב"מ

און האבן געווארט צו הערן די משנה מפורשת.

הרב"מ האט אפגעווארט עטלעכע מינוט און זעהענדיג, אז קיינער רופט זיך ניט אפ האט ער אנגעהויבן:

די משנה אין אבות זאגט — עקביא, די פיאטע, בן מהללאל פון א דאוונער וואס לויבט דעם אויבערשטן ב"ה, אומר הסתכל בשלשה דברים, קוק זיך צו אין דריי זאכן, ואין אתה בא לידי עבירה, און דו וועסט ניט קומען צו עובר זיין אויף דעם אויבערשטענס ב"ה צוזאג. דע מאין באת ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, ווייס פון וואנען דו קומסט און וויס וואוהין דו גייסט און פאר וועמען דו דארפסט אפגעבען א דין וחשבון, מאין באת מטפה סרוחה, ווען דו ווייסט פון וואנען דו קומסט אז דאס איז מער ניט ווי א שלעכט גערוכיקער טראפן וועסטו נישט זיין קיין גס הרוח. ולאן אתה הולך למקום עפר רמה ותולעה, אז דו ווייסט וואוהין דו גייסט, אז דאס איז אין דער ערד וואס דארטן זיינען פארשיידענע ווערים וועסטו ניט וועלן קיין תאוות און ניט געלוסטן קיין געלט. ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און אז דו ווייסט אז דו דארפסט אפגעבען דין וחשבון פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה דאן איז מען א ירא חטא.

* * *

דאס וואס החסיד רב"מ האט אייגגעטייטשט די משנה אין אבות איז מער ניט ווי א חסידישער טייטש, אבער אין דעם אויסטייטש שפיגעלט זיך אפ דער אונטערגרונד, געדאנק און דער מהלך רוח פון א חסיד.

תורת חסידות חב"ד ווי טיף זי איז און בעצירט מיט טיפזיניקע פילאזאפישע ערקלערונגען שפיגעלט דאך אפ דעם מאור החסידות אין געוויסע אלגעמיינע לייכט פארשטענדליכע אויסשפראכען און אויסטייטשונגען. ווי צחותדיק־גלייכווערטלדיג — זיי זאלן ניט זיין טראגען זיי אין זיך דעם גאנצען ערנסט פון תורת־חסידות חב"ד און ברייגגען צום אויסדרוק די העכסטע חסידישע נעימות'דיקע הנהגות טובות און די אויפריכטיקע באציהונגען בין אדם למקום און בין אדם לחברו.

תורה איז אור, תורה בעלייכט דעם מענשען אין דעם גאנצען ציור קומה: פון דעם גרעסטן כח אין נפש — דער כח התענוג — ביז דעם לעצטען כח פון נפש — דער כח המעשה — אין די אלע כחות איז די ווירקונג פון אור התורה.

תורה בעלייכט די כחות התענוג והרצון, אין וואס זאל זיין דעם מענשענס רצון און דעם מענשענס תענוג.

תורה בעלייכט די כחות פון שכל ומדות, זי לערנט דעם מענשען אין וואס ער בעדארף אריין לייגען זיין מוח הארץ און געפיל.

תורה בעלייכט די דריי לבושי הנפש — מחשבה, דבור ומעשה. תורה פארפאלקאמט און באצירט די לבושי הנפש. תורה שאפט די בעסטע השכלה און הבנה ערקלערונגען אין וואס די מחשבה קען נאכדענקען. תורה שטעלט צוזאמען די שענסטע און קליגסטע פראזן און די איידעלסטע אויסשפראכן וואס און ווי דער דבור בעדארף ארויסזאגען. תורה לערנט ווי דער מענש בעדארף זיך פירן בפועל ממש, הן אין די ענינים וואס בין אדם למקום און הן אין די ענינים וואס בין אדם לחברו.

תורת חסידות חב"ד בעלייכט דעם קומת ישראל פון די העכסטע דרגות ווי ראשיכם שבטיכם וזקניכם ביז די נידעריגסטע דרגות ווי חוטבי עצים און שואבי מים.

די תורת חסידות חב״ד איז געווען א מעין מים חיים פאר די גרעסטע גאוני עולם און בעלי כשרון ווי מען דערציילט אויף דעם גאון אדיר ר׳ יוסף נ״ע כלבו פון *שקלאוו*[17]), און דעם גאון פון אונזער ספור ר׳ ברוך מרדכי נ״ע און אויך א מעין מים חיים פאר די פראָסט פשוטע אידן ווי ר׳ זלמן ליב דער שמייסער.

אין דעם ליגט דער סוד פון חיי החיים וואס עס איז אין תורת החסידות אַז די פיאָטע פון א חסידישן דאַוונער זאָגט ארויס די דריי הויפט פונקטען פון דעם מענשענס לעבן.

תורת חסידות חב״ד איז צוגענגליך פאר אלעמען, און ברייגנט די אויפריכטיקע תורה און מצות ליכטיקייט אין אלע אידישע הייזער מיט די נעימותדיגע הנהגות טובות אין אהבת ישראל.

## שיחה ג.

דער רבי — כ״ק אדמו״ר הזקן — זייענדיג אין מעזריטש איז חוץ דעם וואָס ער האָט געהערט די תורות וועלכע דער מעזריטשער מגיד האָט געזאָגט ברבים און פאר די תלמידים, החבריא קדישא, ביחוד, האָט דער מגיד געהאָט זמנים קבועים ווען ער פלעגט פאר אים — דעם רבי׳ן — זאָגען תורה ביחידות.

די תורה וועלכע דער מגיד פלעגט זאָגען פאר׳ן רבי׳ן ביחוד זיינען געווען ע״פ רוב פון די תורות וועלכע ער האָט געהערט פון בעל שם טוב.

הרב הגאון החסיד ר׳ יצחק אייזיק מוויטעבסק[18]) האָט דערציילט דעם זיידען[19]) אויספירליך וועגען דער גרויסער ויכוח־אסיפה וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דעם רבי׳ן — כ״ק אדמו״ר הזקן — און די גאוני עולם פון ווילנא, שקלאוו, בריסק, מינסק, סלוצק אין יאָר תקמ״ג אין מינסק.

צווישען די טענות וועלכע די גאוני המנגדים האָבען ארויסגעשטעלט געגען דער שיטת הבעש״ט ותלמידיו זיינען געווען צוויי אלגעמיינע גרונד טענות.

איינס: *שיטת הבעש״ט איז מחייב* אז אויך פשוט׳ע מענשען בעדארפען שטאַרק אכטען זייער תפלה און זייער תהלים זאָגען, הגם אז לא ידעי מאי דקאמרי, וואָס מיט דער שיטה גיט מען א רמות רוח די עמי הארצים און מען איז משפיל דעם כבוד פון ת״ח. אלע ווייסען — האָבען די גאונים געשטורעמט — אַז פורעניות וואָס איז בא לעולם איז נאָר צוליב די עמי הארצים[20]).

צווייטענס: *שיטת הבעש״ט איז אז* אויך א גאון א צדיק בעדארף תשובה טאָן, וואָס מיט דער שיטה האָקט מען אונטער דעם כבוד התורה און כבוד תלמידי חכמים, וואָס כל התורה כולה שבכתב און שבעל פה איז פול מיט דעם אז ת״ח זיינען דער יסוד העולם און מרבים שלום בעולם און זיי זיינען די אמת׳ע בנאים, און שיטת הבעש״ט מאַכט זיי פאר אזעלכע אז זיי בעדארפען תשובה טאָן.

* * *

דער ויכוח וואָס איז פאָרגעקומען אין מינסק — האָט הגאון הרי״א דערציילט — איז געווען איינגעטיילט אין צוויי טיילען. איין טייל איז געווען אַ

---

17) ראה לקו״ד כה שבט תרצו אות יד, שיחת חה״פ תש״נ אות פט.

18) ראה אודותיו במכתב „אבות החסידות״ התחל מאות כב („התמים״ חוברת ד ע׳ כח).

19) כ״ק אדמו״ר מהר״ש נ״ע. ראה שלשלת היחס בקובץ „היום יום״ ע׳ 8.

20) בבא בתרא ח. א.

פארהער אין לומדות, די מנגדים האָבען געזאָגט, אַז זיי ווילען ניט האָבען קיין שום ויכוח מיט די חסידים וואו זיי וועלען ניט זיין זיכער אז זייער מנהיג איז א למדן, און דאן ערשט וועלען זיי פאַרלייגען זייערע טענות — דער צווייטער טייל פון זייער ויכוח.

דער רבי האָט מסכים געווען אויף הצעת המנגדים צו פארהערט ווערען אין לומדות פון די גאונים, מיט דעם תנאי אז אויך דער צד החסידים איז באַרעכטיגט צו פארהערען אין לומדות דעם צד השני, אויף וואָס די מנגדים האָבען מסכים געווען.

— אין איין אנדער פלאַץ ווערט בארוכה איבערגעגעבן דער טייל לומדות פון דעם ויכוח וואס עס איז דאן פאַרגעקומען, אַז דער רבי האָט געענטפערט אויף אלע שאלות וואָס מען האָט אים געשטעלט און אויף זיינע שאלות וועלכע ער האָט געשטעלט דעם צד השני האָט ער אויף א בעדייטענדען טייל קיין ענטפער נישט באַקומען. —

דעם רבי׳נס סגנון איז געווען א קלאָרער און א דייטליכער. הן די ענטפערס אויף די שאלות און הן די שאלות וועלכע ער האָט געשטעלט, איז אלעס געווען אין קורצע און דייטליכע קלאָרע ווערטער, און לפי ערך די טיפקייט פון די ענינים איז דאָס אלץ געווען אין קורצע פראַזען וועלכע האָבען געמאַכט זייער א גוטען רושם אויף אַלעמען. פון די גאוני הגאונים ביז די געוויינליכע גמרא־בלאַט אידען האָבען הנאה געהאט באַם הערען.

די גאוני הגאונים, הישיש הר״ר אהרן יעקב סלוצקער ראש ישיבה, מיין פעטער הישיש ר׳ זעמעלע סטוצקער און דער עלטסטער ראש ישיבה אין ישיבת הראב״ד הגאון האדיר ר׳ מנחם שלמה האָבען געבעטען דעם רבי׳ן ער זאָל פאַרענטפערען זיינע שאלות. דער רבי האָט ממלא געווען די בקשות הגאונים, נאָר בלויז צוויי ענינים זיינען געבליבען ניט פאַרענטפערט.

אויף די אויבענדערמאָנטע צוויי גרונד טענות האָט דער רבי געענטפערט:

דער יסוד פון שיטת מורנו הבעש״ט און די תורות פון רבי׳ן, דעם מעזריטשער מגיד, וואָס איז דער אור המאיר אין די דרכי העבודה פון תלמידי הרב המגיד ממעזריטש איז מיוסד אויף דער ערשטער געטליכער התגלות צו משה רבינו.

דער רבי, דער מעזריטשער מגיד, האָט פאַר מיר איבערגעזאָגט א תורה וואָס ער האָט געהערט פון רבי׳ן מורנו הבעש״ט:

**וירא** מלאך הוי׳ אליו בלבת אש מתוך הסנה וירא והנה הסנה בוער באש והסנה איננו אוכל, ויאמר משה אסורה נא ואראה את המראה הגדול הזה. דער תרגום איז מפרש ואתגלי מלאכא דה׳ לי׳ בשלהובית אשתא מגו אסנא. ואתגלי הייסט התגלות. דער ענין פון התגלות איז אז יעדער נאָך זיין דרגא זאָל בענעמען דעם גילוי. התגלות איז דער טייטש אז דער גילוי קען צוגענומען ווערען אויך אפילו אין די נידעריגע דרגות. דערפאַר איז אויפ׳ן פסוק וירד הוי׳ על הר סיני זאָגט דער תרגום ואתגלי ה׳ על טורא דסיני. וואָס דער תרגום פון וירד איז דאָך ונחת, ווי אויף דעם פסוק וירד יהודה זאָגט דער תרגום ונחת יהודה, אויפ׳ן פסוק וירד הגבול זאָגט דער תרגום ויחות תחומא, נאָר אויפ׳ן פסוק ארדה נא זאָגט

דער תרגום אתגלי כען. טייטשט ער דא דעם ארדה ווי דעם וירד פון מתן תורה וואס די כוונה איז התגלות, וואס התגלות מיינט א גילוי וועלכער קען צוגענומען ווערען אויך אפילו אין די גאר נידעריגסטע דרגות, ווי אין מתן תורה איז געווען אז אלע, פון דער העכסטער דרגא ווי משה רבינו ביז דעם פחות שבישראל, האבען מקבל געווען פון מתן תורה. און דאס מיינט דער תרגום ואתגלי מלאכא דה׳ אז דאס איז א ענין פון התגלות.

וואס איז די התגלות בלבת אש זאגט רש״י בשלהבת של אש לבו של אש. וואו בעווייזט זיך דער שליח השם — אין דער הארץ פון פייער. די הארץ פון פייער איז די כוונה, די פנימיות — ערנסטע תמימות׳דיגע פארקאכטקייט וואס דאס איז דער רשפי׳ רשפי אש שלהבת י״ה.

וואו איז דער לבת אש, די הארץ פון פייער, מתוך הסנה. זאגט רש״י ולא אילן אחר משום עמו אנכי בצרה. צרה איז די כוונה עולם הזה. עולם הזה ווערט אנגערופען צרה ווייל ער איז א מקום צר. די עולמות העליונים וואו דער אור אין סוף איז בגילוי זיינען א מקום רחב, אבער דער עולם הזה וואו דער אור אין סוף איז מלובש בדרכי הטבע איז דאס א מקום צר און דערום ווערט עולם הזה אנגערופען צרה. די כוונה העליונה איז אז דורך דער עבודה אין לימוד התורה און קיום המצות זאל מען מאכען פון צרה צהר, בעלייכטען די וועלט מיט דעם אור התורה ומצות.

ווי עס שטייט כי האדם עץ השדה, עס זיינען פאראן עצי מאכל ווי ר׳ יוחנן זאגט [21], אז דאס זיינען די תלמידי חכמים און עס איז פאראן א סנה. דער לבת אש איז אין סנה. ת״ח וועלכע לערנען תורה זיינען אש ווייל תורה נמשלה לאש. אבער דאס איז ניט כי איננו אוכל, ווייל די ת״ח זיינען מרוה זייער אש מיט די חדושי תורה וועלכע זיי זיינען מחדש. אבער דער סנה, די אנשים פשוטים. וואס אין זיי איז דער לבת אש די הארץ פון פייער, בא זיי מיט זייער ערנסטע תמימות׳דיגע תפלות און תהלים זאגען הגם דלא ידעי מאי קאמרי אבער ווייל דאס קומט פון דער אמונה פשוטה, איז דער לבת אש איננו אוכל, דאס ווערט קיינמאל ניט געשטילט און זיי האבען א תשוקה גדולה צו געטליכקייט און תורה ומצות.

ויאמר משה אסורה נא, זאגט רש״י אסורה מכאן להתקרב לשם. אז משה רבינו האט פארשטאנען די מחזה העליונה, וואס מען בעווייזט אים די מעלה הגדולה פון אנשים פשוטים לגבי תלמידי חכמים, אז דער לבת אש איז נאר אין סנה איז ער געקומען צו דער דרגא פון תשובה. נאר להיות משה רבינו איז דאך געווען א צדיק גמור, וואס דער אופן התשובה פון א צדיק גמור איז באופן אחר ווי די געוויינליכע תשובה, בא לידת משה רבינו זאגט די תורה ותרא אותו כי טוב הוא שנתמלא

---

21) תענית ז. א.

הבית כולו אורה [22]), איז זיין אופן תשובה אסורה מכאן להתקרב לשם, וואס די כוונה איז אז מען בעדארף זיך ניט מסתפק זיין מיט דעם מעמד ומצב וואס מען שטייט. אפילו א צדיק גמור ווי משה רבינו דארף האבען די עבודה פון אסורה מכאן להתקרב לשם וואס דאס איז די תנועה פון תשובה.

* * *

אין דער דאזיגער תורה — האט דער רבי געזאגט — זאגט דער בעש"ט קלאר ארויס זיין שיטה אין עבודת הבורא ב"ה, אז דער לבת אש, די הארץ פון פייער, איז בא די פשוט'ע תמימות־דיגע אידען. און דער אידישער סנה איז איננו אוכל, ער ווערט קיינמאל ניט געשטילט. אין דער צייט וואס דער אש התורה פון תלמידי חכמים בכלל און גאונים בפרט, ווערט געשטילט דורך דעם פארגעניגען פון זייערע חידושי תורה, איז בא די אנשים פשוטים דער לבת אש ניט געשטילט, אדרבה דורך זייערע הארציגע תפלות און פשוט'ן תהלים זאגען ווערט בא זיי דער לבת אש נאך שטארקער מיט נאך א גרעסערע תשוקה און המשכה צו געטליכקייט. דער רבי דער בעש"ט זאגט ארויס ריין קלאר זיין שיטה אין דער עבודת הצדיקים אז עס בעדארף זיין אין א כסדר'דיגע עלי'. דער היינט בעדארף זיין אויף צוקומען צו א העכערער דרגא אין עבודת הבורא ווי די נעכטיגע דרגא, און די מארגענדיגע דרגא אין עבודת הבורא בעדארף זיין א העכערע פון דער היינטיגער, וואס די כללות העבודה איז א תנועה פון תשובה.

די שיטה פון רבי'ן דעם בעש"ט איז מיוסד אויף דער ערשטער געטליכער התגלות צו משה רבינו, וואס ער איז געווען דער, וועמען השי"ת האט בוחר געווען צו זיין דער גואל ראשון און דער גואל אחרון [23]).

די התגלות אלקות צו משה רבינו איז ניט גלייך צו דער התגלות אלקות צו נח'ן און אפילו צו אברהם אבינו.

די התגלות אלקי צו נח'ן איז א התגלות פרטית וואס קומט מצד אהבה פרטית, צו די אהבה און קירוב פון השי"ת צו נח'ן איז געווען נאר א ענין נשיאות חן ווי עס שטייט ונח מצא חן, צי די אהבה וקירוב איז געווען מצד זיין צדקות ווי עס שטייט כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה, אבל בכל אופן איז די התגלות געווען אין א אופן פרטי.

די התגלות אלקי צו אברהם אבינו איז געווען גאר אין איין אנדער אופן, א התגלות אלקות מיט געוויסע הוראות אין דרכי עבודת השי"ת און מיט גרויסע נסיונות. געוויס איז די התגלות אלקי צו אברהם אבינו אין א פיעל העכערע דרגא ווי צו נח'ן, אבער נאך אלעם דעם איז די אהבה וקירוב אין דער התגלות אלקות צו אברהם אבינו מער א פרטיות'דיגע און על שם העתיד.

עס שטייט כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך הוי' לעשות צדקה ומשפט, מאכט רש"י כי ידעתיו איז א אויסשפראך פון אהבה און פארוואס די אהבה, ווייל

22) סוטה יב. א.

23) ראה שמ"ר פ"ב ס"ד זח"א רנג. א, שה"ש פ' ויחי, תו"א ר"פ משפטים.

אברהם וועט לערנען און אנזאגען זיינע קינדער און הויז געזינד אפצוהיטען און צו גיין אין דרכי השי"ת.

די התגלות אלקות צו אברהם אבינו איז בעיקרה געווען א פרטיות'דיגע, נאר אין א העכערע דרגא ווי די התגלות צו נח'ן, ווייל אברהם אבינו איז געווען א גרעסערער עובד הוי' פון נח'ן, און אויך איז אין דער התגלות אלקות צו אברהם אבינו געווען נאך א ענין אט דער כי ידעתיו למען אשר יצוה, וואס דאס האט געמאכט גרעסער די התגלות אלקות צו אים און ער ווערט אנגערופען[24]) אוהבו של מלך.

אבער די התגלות אלקות צו משה רבינו איז ניט נאר א פרטיות'דיגע, ווייל ער איז געווען א עובד השי"ת, נאר עס איז א התגלות אלקות כללי, וואס אזא התגלות איז נאר צו דעם וואס השי"ת האט אים בוחר געווען פאר א מנהיג און גואל ישראל.

די התגלות אלקות צום גואל און מנהיג איז געווען דאס, וואס מען האט אים באוויזען אז א מנהיג ישראל וואס בעדארף זיין דער שליח הגאולה בעדארף געפינען דעם לבת אש אין א סנה, אין דעם פשוט'ן אידען. און זיין גאנצע עבודה בעדארף זיין ארויסצוברענגען און אנטפלעקען דעם לבת אש אין דעם סנה, וואס דאס איז נאר דורך דער עבודה פון אסורה נא מכאן להתקרב לשם.

מיט א גרויסען ברען — דערציילט הגאון ר' יצחק אייזיק — האט דער רבי געזאגט די תורה פון דעם בעש"ט, און האט מסיים געווען — דעם „בכן" פון דער תורה:

און באמת וואס מער בן תורה אלץ מער בן עבודה בעדארף מען זיין. און

24) ב"ר פמ"ב ועוד.

אויב ניט — איז מען חלילה א פושע קעגען מלכא עילאה, ווי עס שטייט הפושעים בי בגופא דמלכא[25]). און מען בעדארף טאקע תשובה טאן מעומקא דליבא ארויסצורייסען פון זיך דעם עמלק וואס איז מקרר דעם דרך הוי' און די דרכי עבודת הבורא.

אט די עטליכע ווערטער האט דער רבי געזאגט מיט אזא התלהבות און דברים היוצאים מן הלב אז דער הדרת קודש'דיגער יראת שמים און אהבת הבורא ב"ה האט אויף אלעמען געהאט די גרעסטע השפעה.

דער גאון הגאונים הישיש ר' אהרן יעקב איז געווען דער ערשטער וואס איז צוגעגאנגען צום רבי'ן און האט געזאגט ברוכים תהיו.

הגאון החסיד הרי"א האט דערציילט אז בא פערציג מנינים בעוואוסטע לומדים, עלטערע און יונגע לייט, פון מינסק, ווילנא, בריסק, שקלאוו און סלוצק זיינען דאן אריין אין עדת החסידים.

* * *

אט דאס איז דער ספור וואס איך האב געוואלט דערציילען. איך האב מקצר געווען, ארויסגענומען נאר דעם תוכן פנימי פון דעם ספור וואס בעלייכט די שיטת מורנו הבעש"ט מיט דער חסידות חב"ד ליכט.

דער ספור איז א בנין אב אין תורת החסידות און אין דרכי עבודת החסידים.

דער רבי מיט זיין מגלה זיין די תורה וואס אויבענדערמאנט, און מיט זיין ביאור והסבר אין דער שיטת הבעל שם טוב האט פאר חסידים געפענט נייע היכלות פון עבודה אין עבודת הבורא ב"ה.

25) זח"ב סה. ב (ראה ג"כ ת"ז תי' ע קרוב לסופו).

מיט א סך יארען פריער — אין א יומא דפגרא פארברייגגען — האט מען געזאגט אז מורנו הבעש״ט האט אויפגעטאן אז יעדערער אפילו דער פשוט׳ער שבפשוטים קען זיין א עובד השי״ת, און מורנו דער רבי האט אויפגעטאן ווי יעדער איינער, אפילו פשוט שבפשוטים, קען זיין א עובד השי״ת.

ביידע, דער בעש״ט און דער רבי, ריידען אויך וועגען דעם פשוט שבפשוטים, ווייל דער פשוט שבפשוטים איז זיי אויך זייער און זייער טייער. דער בעל שם טוב מיט זיין אהבת ישראל טוט אויף אז יעדער נפש מישראל קען זיין א עובד השי״ת און דער רבי מיט זיין אהבת ישראל טוט אויף וואס די דרכי העבודה זיינען, ווי יעדער איינער קען זיין א עובד השי״ת.

דער בעש״ט האט פותח געווען דעם צנור אז מען קען זיין א עובד השי״ת און דער רבי האט פותח געווען דעם צנור ווי מען קען זיין א עובד השי״ת.

דער ווי מען קען זיין א עובד השי״ת און אויך ווי א פחות שבפחותים קען זיין א עובד השי״ת וואס דער רבי האט פותח געווען דעם צנור, איז במשך פון די יארען האבען כ״ק אבותינו רבותינו הק׳ נשיאי חסידי חב״ד פאר אונז געעפענט די דרכי העבודה והתשובה, אז יעדער איינער קען זיי אויסגעפינען. די הויפט־יסודות זיינען: מגלה צו זיין דעם לבת אש און דער אסורה מכאן להתקרב לשם.

## שיחה ד.

סדר איז איינער פון די הויפט־יסודות אין יעדער זאך. הן בא א יחיד און הן בא א רבים, אין אלץ איז סדר איינער פון די הויפט יסודות.

סדר ברייגגט הצלחה אין לעבען און שאפען פון דעם יחיד און נאך מער אין לעבען און שאפען פון דעם רבים.

אין לעבען זעהען מיר במוחש אז די גרעסטע בעלי כשרונות אויב זיי זיינען ניט קיין מסודרים ווערט צורונען זייער גאונות און זייערע כשרונות ווערען צובראכען און בלייבען אומפרוכטבאר. און די וואס זיינען געבענטשט פון השי״ת מיט א חוש אין סדר, איז אפילו אויב זיי זיינען גאנץ געוויינליכע דורכשניטליכע בעלי כשרון, האבען זיי גרויס הצלחה אין זייער לערנען און שאפען גרויסע אויפטואונגען.

די נשיאי החסידות האט השי״ת געבענטשט מיט פארשידענע גאר גרויסע כשרונות און בתוכם אויך מיט׳ן כשרון הסדר. אלע, פון מורנו הבעש״ט אן, זיינען זיי געווען אויסערגעוויינליכע סדרנים וואס האבען פיל געשאפען אין דער חכמת ההסתדרות [26]).

הסתדרות מוז האבען א געוויסען טכסיס און דעם טכסיס האבען די נשיאי החסידות געשאפען. זיי האבען פארשטאנען ווי אויסצונוצען די הסתדרות און האבען זי אויסגענוצט מיט׳ן גרעסטען טאלאנט אין דער פולער ערנסטער מאס.

עס איז א כלל ידוע ומפורסם אז אין אומן בלא כלים, און דאס גלייכען ווי עס קען ניט זיין קיין אומן אן די כלי האומנות, אט אזוי קען ניט זיין קיין אומנות אן כלים. דער גרעסטער אומן מוז האבען כלים, און די קלענסטע אומנות קען ניט זיין אן כלים. די כלים טראגען ארויס די כשרונות פון דעם אומן, און שאפען די גרעסטע אומנות.

* * *

**דער כלל אז אין אומנות בלא כלים איז אין רוחניות אזוי ווי אין גשמיות.**

---

26) ראה „אבות החסידות" („התמים" חוברת ב ע' מג), „היום יום" ע' סח.

דאָס גלייכען ווי א אומנות גשמית מוז האָבען כלים, וואָס די כלים פאַרבינ־דען דעם כשרון פון דעם אומן מיט דעם יופי און תועלת פון דער אומנות, אַט אזוי איז אויך אז די אומנות הרוחנית מוז האָבען כלים, וואָס די כלים פאַרבינדען דעם כשרון האומן מיט דעם יופי און תועלת פון דער אומנות.

עס איז זיכער אז אין אומן ואין אומנות בלא כלים און עס איז אויך זיכער אז די אומנות רוחנית איז גלייך צו דער אומנות גשמית, אבער מיט דעם מוז מען אויך צוגעבען, אז די גלייכקייט פון אומן ואומנות וכלים רוחניים צו אומן ואומנות וכלים גשמיים איז מער ניט ווי אין אלגעמיינע שטריכן, ווי א משל מיט א נמשל, אבער אין תוך געגומען איז דאָס — אומן אומנות וכלים גשמים און אומן אומנות וכלים רוחנים — גאָר אנדערע נושאים, וואס די אלגעמיינע אויסגלייך שטריכן פארלירן זיך געגען די רייכע אידעלקייט פון דעם נושא רוחני.

א דוגמא לדבר:

א אומן אין גשמיות, בעדארף זיין א בעל כשרון אין דער חכמה וואס ער גייט מאַכען די אומנות און בעדארף זיין איבערגעגעבען דער זאך וואס ער טוט ער זאָל ניט מאַכען קיין פעלער, איז דער נושא הענין כשרון און איבער־געגעבענקייט.

דאָס זעלבע איז אויך א אומן אין רוחניות בעדארף זיין א בעל כשרון און איבערגעגעבען צו דער זאך וואָס ער טוט. די אלגעמיינע שטריכען זיינען די זעלבע אבער דער תוכן הנושא פון דעם אומן און איבערגעגעבענקייט אין דער אומנות הרוחני איז גאָר אין אנדערע.

עס שטייט אין אבות דר׳ נתן (פכ״ב) חכם וירא חטא — הרי זה אומן וכלי אומנתו בידו.

חכם מיינט א בעל כשרון, ירא חטא מיינט די יראה פון מאַכען א פעלער, דער ווארט חטא מיינט חסרון, דער וואָס איז שטאַרק איבערגעגעבען א גע־וויסער זאַך האָט מורא ער זאָל ניט מאַכען קיין פעלער.

חכם וירא חטא איז אומן וכלי אומנתו בידו, דער אומן אומנות וכלים רוחני׳ וואס אין די אלגעמיינע שטריכן איז דאָס גלייך צו אומן אומנות וכלים גשמי׳, אָבער עס איז מער ניט ווי אין די אלגעמיינע שטריכן ווי כשרון און איבערגעגעבענקייט, אָבער דער תוכן הנושא אין דער אומנות רוחני חכם וירא חטא מיינט עפּעס גאָר אַנדערש ווי בעל כשרון און איבערגעגעבענקייט אין אומנות גשמית.

מען בעדארף שטענדיג גוט געדענ־קען דעם ריחוק הערך פון רוחניות ביז גשמיות. באמת האָט מען אויף דעם געדארפט זאָגן דעם אויסשפּראַך דעם אין ערוך פון רוחניות צו גשמיות, נאָר וויל השי״ת, וואָס טבע הטוב להטיב, ווי עס שטייט אין עץ חיים אַז כביכול עלה ברצונו ית׳ להטיב לברואיו, גוט צו טאָן צו זיינע בעשעפענישען און געבן זיי א פאַרשטאַנד אז זיי זאָלן האָ־בען עטוואס א באַגריף אין א דבר רוחני, האָט דער בורא ב״ה געמאַכט אויך אין רוחניות אזעלכע אלגעמיינע שטריכן וועלכע זאָלן האָבן עטוואָס אַ פאַרגלייך־אַנהאַלט, און דערום זאָגט מען אויף גשמיות ורוחניות דעם אויס־שפּראַך ריחוק הערך.

די וואס לערנען חסידות און איבער־לעגען זיך אין די פארשטאַנדען וואָס זיי לערנען, ווייסן וואָס עס מיינט דער ריחוק הערך פון רוחניות צו גשמיות און קענען האָבן א באַגריף וואָס עס

מיינט חכם וירא חטא וואס דאס איז אומן וכלי אומנתו בידו, און זי ווייסן דעם הפלאת הערך פון רוחניות לגבי גשמיות.

* * *

אלע ווייסן אז בכדי אויפצוטאן א געוויסע שיטה, פארפאלקאמען זי און ברייגען אין לעבן מוז מען האבן גע־וויסע גייסטיגע און פיזישע גרויסע כחות און אייגנשאפטן, און ועל כולם א מסירת־נפש׳דיקע איבערגעגעבנ־קייט, אוועקצולייגען און בעזייטיקן ניט נאר דעם עולם הזה׳דיקן „איך” נאר אויך אוועקלייגן און בעזייטיקן דעם עולם הבא׳דיקן „איך”, ווייל דער עיקר און תכלית הכל איז די שיטה וואס איז א זכות און טובת הרבים, און צוליב דעם בעדארף מען זיך מוסר נפש זיין.

די וואס ווייסן דעם דברי הימים פון תולדות החסידות בשרש שרשה ווי די שיטה ווערט נתגלה אין איר ערשטער תקופה[27]) אין די דריי דורות נשיאות: הצדיק הגאון ר׳ אלי׳ בעל שם מוויר־מייזא, הצדיק הגאון ר׳ יואל בעל שם מזאמושטש, הצדיק הגאון ר׳ אדם בעל שם מראפשיץ, און די דברי הימים פון תורת החסידות אין איר צווייטער תקופה אין די צוויי דורות נשיאות מורנו הבעש״ט ממעזיבוז, מורנו הרב המגיד ממעזריטש, און די דברי הימים פון תורת חסידות חב״ד ווי זי איז נתגלה געווארן און דורכגעפירט גע־ווארן אין לעבן דורך די פינף דורות נשיאי חסידות חב״ד אין א משך פון איבער הונדערט און פופציג יאר, די אלע ווייסן וואס פאר א געטליכע כחות רוחנים און אייגנשאפטן די אלע נשיאי החסידות האבן פארמאגט און וואס פאר א איבערמענשליכן מסירת נפש זיי — נשיאי החסידות — אין אלע דריי תקופות — האבן געהאט אויף דער שיטת החסידות, און עס איז כלל קיין וואונדער ניט אויף דער אומבא־שרענקטע און אומבאגרענעצטע ער־פאלגרייכע הצלחה וואס השי״ת האט געבענטשט זייער שיטה און הייליגע ארבעט.

ניט דא איז דער פלאץ און ניט איצט איז די צייט צו ריידן אפילו אין קורצע שטריכן איבער דער איבערמענשליכער ארבעט וואס איז געטאן געווארן אין א משך פון איבער דריי הונדערט יאר, נאר איך וועל זיך אפשטעלן אויף איין טייל פון דעם כשרון הסדר וואס נשיאי חב״ד זיינען געבענטשט געווען מיט דעם און האבן בעזרתו ית׳ געשאפן די אלוועלטליכע הסתדרות החסידות.

* * *

די חסידישע הסתדרות איז זייער א פארצווייגטע, עס נעמט ארום דעם גאנ־צען לעבן, ניט נאר דעם יחיד און פא־מיליען לעבן נאר אויך דעם אלגעמיי־נעם כלל לעבן, און לויט דעם וואס איך האב געמיינט צו דערציילן און זאגן וועל איך בערירן איין פרט פון דער הסתד־רות החסידות, וואס דאס איז דער סדר קביעת משפיעים אין עדת החסידים[28]).

דער נאמען משפיע איז אין אלגעמיין גענומען א טיטל נאמען פאר דעם וואס לערנט פאר די חסידישע תורות און מאמרים פאר די חסידים פון זיין עדה און דערציילט זיי פארשידענע ספורים, אבער אין תוך גענומען איז דער נא־מען משפיע מיינט די גרויסע השפעה — ווירקונג — וואס דער משפיע האט אויף די עדת החסידים.

די משפיעים אין עדת החסידים זיי־נען אין זייער פערזענליכען פארנעם

---

27) ראה שיחת חי אלול תש״א.

28) ראה שיחת חה״פ ה׳תש״ג אות נו״ן.

געווען פאַרשידנאַרטיג, א מאָל איז דער משפיע געווען אויך דער רב אָדער דער מורה הוראה אין דער עדה, אָדער דער שוחט אָדער דער מלמד, און א מאָל האָט דער משפיע ניט פאַרנומען איינע פון די אַלע אַמטען און איז געווען מער ניט ווי דער משפיע, אויף וועמען עס איז געלעגען די גאַנצע פליכט פון דער חסידישער הדרכה אין יענער עדה פון דער עדת החסידים.

אין דעם דריטן דור פון נשיאי חב״ד, אין דער צייט פון די נשיאות הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק בעל צמח־צדק זצוקללה״ה נבג״ם זי״ע, איז געווען איינגעפירט א סדר קבוע וועגן בעזעצן אין די שטעט און ישובים, וואו עס זיינען געווען חב״ד חסידים, חסידישע משפיעים.

די ארבעט פון די משפיעים איז געווען מסודר לפי אופן תנאי המקום, אז די זמנים הקבועים אויף לערנען חסידות איז געווען איינגעטיילט, פאַר יושבי אהל בעזונדער און פאַר בעלי עסקים בעזונדער, פאַרבריינגען אָבער אין א יומא דפגרא פלעגט מען אלע צוזאַמען אין א רעים אהובים׳דיקער התועדות, בני תורה און אנשים פשוטים, אָרים און רייך אלע גלייך.

* * *

עס איז געווען אין יאָר תריט, בערך פופצן יאָר נאָכדעם ווי דער זיידע, דער רבי צמח צדק האָט אויף זיין רעכנונג אָפּגעקויפט א גרויסן שטח פון דריי טויזנט פינף הונדערט דעסיאַטין[29] ערד — געדיכטער וואַלד און היבשע שטחים פעטע שוואַרצע ערד און לאַנקעס מיט טייכלעך — אין מינסקער גובערניע — און האָט דאָרט געגרינדעט די קאָלאָניע שצעדרין אַלס אָנפאַנג צו ברענגען אידן צו ערד ארבעט.

איבער דריי הונדערט אידישע פאַמיליעס האָט דער זיידע בעזעצט אין שצעדרין און זיי האָבן געהאַט חיונה בשפע רב פון זייער ארבעט. געוויסע צייטן אין יאָר האָבן זיי געהאַט פריי אויף צו לערנען.

דער זיידע, דער רבי, האָט די שטחים ערד צוגעטיילט אומזיסט אָן קיינע אָפּצאָלונגען, צו די אידן וועלכע זיינען זיך געקומען בעזעצן אין שצעדרין. יעדע פאַמיליע האָט באַקומען א פלאַץ אין דער קאָלאָניע, עס זאָל זיין גענוג אויף אויפצובויען א הויז צו וואוינען און אויך אנדערע בנינים וועלכע זיינען נויטיג אין דער ווירטשאַפט פון ערד־ארבעט, א גאָרטן און עטלעכע דעסיאַטין ערד צום זייען און פאַשען די בהמות און פערד.

יעדע פאַמיליע וואָס האָט זיך בעזעצט אין שצעדרין צו בעאַרבעטן די ערד האָט געהאַט געוויסע רעגירונגס פריווילעגיעס. איינע פון זיי איז געווען א הלואה אין דער הויך פון 200 רובל מזומן פון דער באָברויסקער קאַזנאַטשייסטווע (אוצר המלוכה), אויף אויסצאָלן אין א משך יאָרן מיט די תבואה וואָס זיי וועלן האָבן.

די דריי טויזנט פינף הונדערט דעסיאַטין ערד וואָס דער זיידע האָט געקויפט האָט ער איינגעטיילט אזוי: דער גאַנצער פאַרזיי שטח און אַ טייל וואַלד און לאַנקעס — אלעס צוזאַמען אַן ערך טויזנט זיבן הונדערט דעסיאַטין — האָט ער איבערגעגעבן אויף צוטיילן צווישן די קאָלאָניסטן פאַמיליעס, און דאָס איבעריגע, לערך טויזנט אַכט הונדערט דעסיאַטין וואַלד האָט ער פאַרקויפט צו אַ באָברויסקער חסידישן גביר, ר׳ אפרים יוסף גאַלאָדעץ, פאַר

29) מדת השטח ברוסיא.

אַ געוויסער סומע, וועלכע ער האָט אַ טייל בעדאַרפט באַלד איינצאָלן און די איבעריגע אויסצאָלן אין אַ משך פון יאָרן. אַ טייל פון דער באַקומענער סומע האָט דער זיידע, דער רבי, געשיקט קיין ארץ ישראל אויף כולל חב״ד — און אַ טייל האָט ער איבערגעגעבן אין זיין צדקה קאַסע וואָס האָט געהאָלפען, הן אין עניני הכלל און הן אין עניני הפרט.

עטלעכע מיטגלידער פון ר׳ אפרים יוסף האלאדעץ׳ס פאַמיליע האָבן זיך בעזעצט אין שצעדרין בכדי צו קענען פירן זייערע וואַלד עסקים.

* * *

אין דער קאָלאָניע שצעדרין, ווי אין אַנדערע חסידישע שטעט און ישובים, איז אַ חוץ דעם מורה הוראה, שוחטים און מלמדים אויך געווען אַ משפיע ר׳ ירוחם פישל יאַנאָוויטשער.

החסיד המפורסם ר׳ בצלאל אזאריטשער האָט געהאַט אַ חבר מובהק, ר׳ ישראל משה, אַ גרויסער למדן און אַ בעל מדות טובות און אַ שטאַרקער מקושר צום זיידן דעם צמח צדק. ער האָט זיך תמיד עוסק געווען אין תורה ועבודה. חוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ בעל מדות איז ער אויך געווען אַ חכם מחוכם און אַ אהוב לבריות.

אַ פאָר צענדליג יאָר איז ר׳ ישראל משה געזעסן אויף קעסט באַ זיין שווער ר׳ חיים יוסף, אַ קרעמער אין אָזאָריטש, דעם מיטעלן רבי׳ס אַ חסיד. אַ פאָר יאָר איז רי״מ געווען מלמד, און אין יאָר תריב לערך צען יאָר נאָכדעם ווי דער זיידע האָט מייסד געווען שצעדרין האָט אים דער זיידע בעשטימט פאַר אַ משפיע אין שצעדרין אויף ר׳ ירוחם פישל יאַנאָוויטשערס פלאַץ.

אין אלע צייטן באַ יעדן חסידישן פאַרברייגען זיינען געווען פערשידענע קורצע אויסשפּראַכן וועלכע די משפיעים פלעגן אַרויסזאָגן און דאָס איז געווען דער עמוד התוך אָדער דער ציר וואָס אַרום אים זיינען געווען די שיחות און ספורים פון דעם פאַרברייגען, און דער עמוד התוך אויסשפּראַך איז געבליבן חקוק באַ אַלע אַנוועזענדע.

דער משפיע ר׳ ישראל משה איז געווען אַ שטאַרקער מתון און אַ שומר הזמן. צו די קביעות זמנים פון לערנען פלעגט ער פאַרלאַנגען מען זאָל קומען פּינקטליך צו דער צייט. אויב איינער איז ניט געקומען פלעגט ער אים רופן און געבן אַ אמת׳ן חלק ווי יענער איז ווערט געווען.

אין ווערטער איז ר׳ ישראל משה געווען רייך. אז ער פלעגט ריידען און מאַכן אַ חשבון וואָס איז דער תכלית פון מענשענס לעבן פלעגט ער אַזוי קלאָר אַרומריידן יענעמס מצב המוסרי והרוחני, אַז יענער פלעגט אַוועק פון אים אַ צובראָכענער און אַנידערגעשלאָגענער אַ פאַרזינדיגטער, אַ נאַרישער און אַ נישטווערטיקער און אַ פאַרשעמטער אין די אייגענע אויגן.

אַ בעזונדער צוגאַנג האָט ער געהאַט צו מענשן, אַ אייגענאַרטיקן, אַ מילדען, קיינמאָל נישט געשריען, ניט געזאָגט קיין שווערע מוסר ווערטער, ער פלעגט זיך צופּאַסן צום הערער, אַרומגערעט אַ גייסטיקן פעלער ערוועקענדיג דעם גרויסן רחמנות פון דעם בעל החסרון אין אַזעלכע ווערטער און פראַזן, אַז יעדער וואָרט פלעגט אַריין אין דער טיפעניש פון דעם צוהערערס האַרץ און יעדער פראַזע פלעגט רירן די איידעלסטע נשמה פעדים און טרערן פלעגן רינען פון דעם צוהערערס אויגן.

אַ בעזונדער חוש הציור אין ריידן האָט דער משפיע רי״מ פאַרמאָגט. אי־

בער וואָס פאַר אַ זאַך ער פלעגט ניט ריידן, צי וועגן עפּעס א פּאסירונג אָדער א אויסזען און פיהרונג פון א מענשען איז דאָס געווען אַזוי דייטליך קלאָר פאַר יעדערן, אַזוי ווי ער וואָלט געמאָלן אַ פּאָרטרעט.

* * *

איך האָב געהערט פון החסיד ר׳ אברהם דוב בר׳ ירמי׳ [30] — שבועות תרנו: ער — רא״ד — האָט געהאָט אַ פעטער — זיין מוטערס א ברודער — החסיד ר׳ ליב יצחק, נאָך דעם אלטן רבי׳נס א חסיד, אַ שטאַרקער בר דעת אין נגלה און חסידות, אַלע זיינע יאָרן געווען א בעל עסק, פריער איינער פון די גרויסע קרעמער אין האמליע, שפּעטער געוואָרן דער עלטסטער פירער באַ ר׳ אפרים יוסף האלאדעץ אין שצעדרינער וואַלד.

החסיד ר׳ ליב יצחק, די אלע יאָרן וואָס ער האָט געלעבט אין האָמליע, איז ער געווען אַ שטאַרקער מקבל באַ ר׳ אייזיקן. חוץ דעם וואָס ער איז געווען פון די ערשטע הערער ווען ר׳ אייזיק פלעגט זאָגן חסידות, איז ער געווען אין אַפּטער אריינגייער צו ר׳ אייזיק׳ן ריידען אין לערנען בכלל און אין חסידות בפרט. ר׳ אייזיק פלעגט זאָגן אַז מיט ליב יצחק׳ן קען ער זיך אויסריידען, ווייל ער האָט ניט נאָר א אזן שומעת נאָר אויך א אזן מלין תבחן.

פון בר מצוה — האָט רא״ד דערציילט — ביז וואַנען איך בין אַלט געוואָרן זיבצען יאָר — אין יאָר תרג — און מיין פאָטער האָט מיך געפירט אין ליובאַוויטש לערנען באַם רבי׳ן דעם צמח צדק אין דער ישיבה, בין איך תמיד — אינדערוואָכן און שבת ויו״ט — ווען איך האָב נאָר געהאָט פרייע צייט פון לערנען, געווען באַ דעם פעטער ר׳ ליב איצע.

דער פעטער פלעגט מיך זייער מקרב זיין, פלעגט מיר דערציילן פון זיינע קינדער יארן, פון זיינע מלמדים, וואס און ווי ער האָט געלערנט. דער פאָטער זיינער, מיין זיידע ר׳ אלי׳ שאול, איז געווען א איד א למדן, געווען א בקי אין צוויי סדרים גמרא, נשים נזיקין מיט תוספות כמעט בעל פה, ער איז געווען אַ שניט קרעמער, געהאָט אַ משרת אין קראָם און אליין פלעגט ער זיצן אין א ווינקל אין קראָם און לערנען.

דער זיידע ר׳ אלי׳ שאול איז געבאָרן א מתנגד און געבליבן א מתנגד, נאָר ער איז געווען פון די וואָס האָבן געווייכט פון מחלוקת עד קצה האחרון און האָט אויסגעמידן צוצושטיין צו וועלכען צד עס איז. אָבער א יוגנט חבר האָט ער געהאָט, ר׳ תנחום שלמה — דער בעליער מגיד — וועלכער איז געווען ניט נאָר א מתנגד נאָר א בלוטיקער שונא די כת. ער איז געווען איינער פון דעם ווילנער ראבד״ס — הגאון ר׳ שמואל — בית דין וואָס האָט אויסגערופן א חרם אויף דעם בעש״ט׳ס תלמיד דעם מעזריטשער מגיד מיט זיינע תלמידים אין יאָר תקלב.

בא דעם בעליצער פרוש, ר׳ תנחום שלמה, האָט דער פעטער געלערנט עטלעכע יאָר בהתמדה גדולה און מען קען זיך פארשטעלן וואָס פאַר א השפעה ר׳ תנחום שלמה׳ס חינוך האָט געהאָט אויפ׳ן פעטער. בלויז דורך השגחה־פרטית׳דיקן צופאַל וואָס צוויי ברידער יונגע לייט גרויסע לומדים, דעם פעטערס בעסטע חברים, זיינען אריין אין דער חסידישער חברותא האָט שוין דער פעטער אויך אנגעהויבן נעהענטער

30) ראה אודותיו „התמים״ חוברת ב ע׳ קכ.

ווערן צו חסידים ביז ער איז געוואָרן איינער פון די גרונטיקע חסידים.

ווען דער פעטער האָט זיך בעזעצט אין שצעדרין פלעג איך — דערציילט ראַ״ד — אַ פּאָר מאָל אין יאָר פאָרן צו אים. אין יענער צייט איז שוין ר׳ ירוחם פישל דער שצעדרינער משפיע ניט געווען, האָט דער רבי געשיקט ר׳ ישראל משה אזאריטשער וועלכער איז געווען אַ שם דבר אין דער גאַנצער סביבה. דער פעטער האָט אים זייער מחבב געווען און דער משפיע הרי״מ האָט געהאַט דעם גרעסטן הדרת הכבוד פאַר דעם פעטער.

צו אַלע חסידישע פאַרברייַנגענס פלעגט דער פעטער קומען, דערציילן פאַרשידענע ספּורים פון די גאָר אַלטע צייטן אידער ער איז געוואָרן אַ חסיד און פון זיינע ערשטע יאָרן ווען ער איז שוין געוואָרן אַ חסיד, ווי ער איז דעם ערשטן מאָל געגאַנגען צום רבי׳ן אין ליאַזנאַ, אויך ספּורים פון דעם זמן פון דעם מיטעלן רבי׳נס נשיאות, און פלעגט מאַכן די גרעסטע השפעה אויף די צוהערער.

איך — דערציילט ווייטער ראַ״ד — פלעג זייער גערן זיין בעת דער משפיע הרי״מ פלעגט לערנען חסידות. ער האָט געהאַט זיינע רייכע הסברים, און יעדע השכלה אָדער עבודה וואָרט פלעגט ער זייער גוט, דייטליך, קלאָר מיט אַ ריינער אויסשפּראַך מבאר זיין. על פי רוב פלעגט ער דעם הסבר וביאור בעגלייטן מיט אַ ספּור וואָס האָט ביט נאָר קלאָר געמאַכט דעם ענין וואָס מען האָט געלערנט, נאָר אויך איינגעקריצט דעם ענין אין די מוחות און הערצער פון די צוהערער.

נאָך מעהר אויסערגעוועהנליכע הנאה רוחנית פלעג איך האָבן — דערציילט ראַ״ד — ווען איך פלעג הערן דעם משפּיע רי״מ באַ אַ פאַרברייַנגען. ווען מען פלעגט פאַרמאַכן די אויגן און הערן וואָס דער משפּיע רעדט, פלעגט מען פאַרגעסן וואו מען איז און עס פלעגט זיך דוכטען אַז מען זעט אָדער מען איז דאָרט וואו ער רעדט וועגן דעם, אזאָ גרויסן ציור רייַדן האָט דער משפּיע רי״מ געהאַט און דאָס פלעגט מאַכן אַ געוואַלדיגען רושם.

* * *

עס איז געווען אין יאָר תרטז אויף חנוכה בין איך געפאָרן צום פעטער אין שצעדרין, די פינפטע ליכטל איז אויסגעפאַלן זונטאָג.

אין שצעדרין זיינען געווען צוויי גרויסע בתי מדרשים. אין אַלע חסידישע ימים טובים ווי י׳ און י״ט כסלו אויך די פינפטע ליכטל פלעגט מען אין אָוונט פאַרברענגען אין איין בית מדרש און באַטאָג אין דעם צווייטן בית המדרש.

אין שצעדרין זיינען צווימאָל אין דער וואָך געווען יומי דשוקא — מאַרק טעג — זונטאָג און מיטוואָך. דאַן איז געווען דער הויפּטהאַנדעל און פדיון אין שטעטל ווען עס פלעגן זיך צונויפקומען די אַרומיקע איינוואוינער פון די דערפער.

מוצאי שבת די פינפטע ליכטל האָט מען זייער גוט פאַרבראַכט, דער בית מדרש איז געווען געפּאַקט. אויף מאָרגען זונטאָג נאָכן דאַווענען איז ווידער צוזאַמענגעקומען אַ גרויסער עולם, אָבער להיות עס איז געווען אַ יום השוק, האָבן אַ סך ניט געקענט קומען און עס איז געבליבן אָפּצולעגען דעם הויפּט פאַרברענגען אויף נאָך מעריב.

נאָך מעריב האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, נאָר עטלעכע יונגע לייט קרעמער האָבן זיך פאַרשפּעטיגט. דער

משפיע ריי״מ האָט דאָס באַמערקט און עס איז ניכר געווען אַז דאָס האָט אים זייער פאַראַרט. ער האָט געזעהן אין דער פאַרשפעטיגונג ניט נאָר א גלייכגילטיגקייט צו די דרכי החסידות והחסידים, נאָר אויך א ענין פון הגברת החומר על הצורה, לא די אז דער מארק האַנדעל איז דוחה א חסידישע התועדות איז אויך אפילו דער נאָכן — הכרח׳דיקן מארק־האַנדל מאַכט קאַלט די זריזות צו א חסידישער התועדות.

דער נושא ותוכן פון יענער התועדות איז געווען א רייד וואָס דער משפיע הריי״מ האָט גערעט וועגן אדם הראשון: ער איז געווען יציר כפיו של הקב״ה און איז געווען אזא קערפער־ליכטיקע באַשעפעניש אַז די פיאַטע פון אדם הראשון האָט טונקל געמאַכט די זון. די חכמה פון אדם הראשון איז געווען גרעסער ווי די חכמה פון די מלאכי השרת. ריי״מ האָט מיט א ברייטען הסבר פארשטיין געגעבען די גרויסקייט פון די מלאכי השרת, און דאָך איז אדם הראשון געווען גרעסער פאר זיי. און ווען אדם הראשון האָט געזינדיגט דעם חטא עץ הדעת איז פון דעם גרויסן אדם הראשון געוואָרן א נעבעך ר״ל, ווי א תלמיד חכם ששכח תלמודו און ווי א גביר נאָך א שריפה. אויף אלע עונשים וואס השי״ת האָט געזאָגט אדם הראשון האָט ער — וויסענדיג זיין גרויסן חטא — נעבעך שטום געשוויגען. אָבער ווען ער האָט דערהערט[31]) אז וקוץ ודרדר תצמיח לך האָט ער דאָס ניט געקענט פארנעמען, האָט געגעבען א גאַס מיט טרערן און האָט אויסגעשריען צום רבש״ע. צי דען וועל איך און מיין חמור עסן פון איין און דערזעלבער קאָרעטע.

השי״ת — זאָגט המשפיע ריי״ם — האָט באַשאַפען אלעמען בחותמו של אדם הראשון — און האָט שטאַרק מבאר געווען דעם ענין פון אין דעותיהם שוות, און האָט מסיים געווען; היינטיגע אדם׳ס גיסען ניט מיט קיין טרערן, אדרבא זיי זיינען צופרידען צו עסן מיט דעם חמור פון איין קאָרעטע ווייל בא זיי איז הגברת החומר על הצורה.

* * *

פון החסיד הרב ר׳ שמואל זנוויל דעם שד״ר האָב איך געהערט — טבת תרסב — אז אלס יונגערמאַן איז ער געווען מלמד בא האלאדעץ׳ן אין שצעדרין. אין יאר תריט איז בא איינעם פון די בני המשפחה געווען א שמחה און מען האָט זייער גוט פארבראכט. דער ראש המדברים בא דעם פארברענגען איז געווען המשפיע ר׳ ישראל משה.

בשעת׳ן פארברייגען האָט דער משפיע שטאַרק אויסגערעט די יונגעלייט אין דער גבירישער משפחה וואס בא זיי איז שוואַך די קביעת עתים לתורה און זיי קומען ניט אין דער צייט צו לימוד החסידות און חסידישע פארברענגען.

כנהוג האָבן זיך די יונגעלייט פארענטפערט אז דאָס אלץ איז מצד טרדת העסקים.

דער משפיע האָט א סך גערעט אויף דעם נושא העניינים פון וברכך ה׳ אלקיך בכל אשר תעשה, ברכת ה׳ היא תעשיר, וואָס האָט אויף אלעמען געמאַכט א גרויסע השפעה, און האָט מסיים געווען: צו וואָס בעדאַרפט איר העלפן דעם רבש״ע, בעסער העלפט זיך אליין.

---

31) פסחים קיח. א.

### מאמר א.

## בס"ד, א' ז' שבט, תש"ב

**בטח** בהוי' ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה, וחשיב כאן ד' ענינים, הבטחון בה', עשיית טוב, חיים של מנוחה והפרנסה באמונה. שנים מהם הם הוראה ואזהרה ושנים מהם הם בהבטחה. הבטחון בהוי' ועשיית הטוב הם הוראה ואזהרה והעושה כן מובטח בחיים של מנוחה ובאמונתו יתפרנס. וזהו שפי' רש"י בטח בהוי' ואל תאמר אם לא אגזול ואגנוב או אתן לעני צדקה במה אתפרנס. ועשה טוב, ואז תשכון ארץ לאורך ימים ותרעה אמונה תאכל ותתפרנס משכר האמונה שהאמנת בהקב"ה לסמוך עליו ולעשות טוב. והיינו שע"י האמונה שמאמין בה' ובוטח עליו ית' ועושה טוב, הנה לא זו בלבד שמתפרנס בכשרות ועושה צדקה אלא עוד זאת שכן ארץ שהוא חי בחיים של מנוחה. והנה כללות ד' הענינים האמורים בזה נכללים בשני ענינים כוללים והם אמונה ובטחון, שכן ארץ ורעה אמונה הו"ע האמונה ובטח בה' ועשה טוב הו"ע הבטחון. וטעם הדבר שהקדים להזהיר על בטחון קודם האמונה כתב הרמב"ן לפי שאין מן המוכרח להיות כל המאמין בוטח, אבל כל הבוטח מאמין בלי ספק, לכן הכתוב מזהיר תמיד על הבטחון יותר מעל האמונה. אמונה איז בא אַלע אידן בהתגלות און אויב אפילו ווען אמאָל איז די אמונה בהעלם איז דורך א התעוררות קלה ווערט זי נתעורר אבער קיין עבודה אויף דעם בעדארף מען ניט האָבן, משא"כ אויף בטחון בעדארף מען עבודה אז דער בטחון זאָל זיין ניט נאָר אין דבור בלבד נאָר אין מעשה בפו"מ. ורבינו נ"ע פי' ורעה אמונה שתהא זן ומפרנס את האמונה לעשות בה ריבוי והתפשטות וחיזוק כח יותר. וצ"ל מהו"ע הפרנסה לאמונה ומדוע צריכה אמונה לפרנסה. אך הענין הוא דאמונה הוא א' הכחות שבנשמה המתלבשים באברי הגוף בעומק פנימי' המוח והלב, דהתלבשות זו נפלאה מהשגת בנ"א כמו שנפלאה התלבשות אור וחיות הנפש באברי הגוף, ואינה אלא מפלאות תמים דעים המפליא לעשות לקשר את הנפש הרוחנית בגוף הגשמי. אבל עם זה הנה אחר שהי' הרצון העליון ית' שתהי' התלבשות הנפש בהגוף, הרי חזוק התקשרות הנפש בגוף בא ע"י דבר שמחוץ להם והוא ע"י אכילה ושתי', שכאשר האכילה והשתי' מתעכל' הן פועלות פעולתם בחיזוק ההתקשרות דאור וחיות הנפש הרוחני בגוף ואברים הגשמי', וע"י התקשרות זו נמשך אור וחיות פנימי יותר מן הנפש הרוחני להתלבש באברים הגשמי' להחזקם ביותר. וכמו שאנו רואים במוחש שע"י העדר אכו"ש משך זמן רב נחלשים כחות הרוחני' ואינם פועלים פעולתם וע"י אכו"ש מתחזקים כחותיו, וכל אשר מזונותיו הם מדברים המבריאים ובסדר הראוי יותר הנה יותר יתחזקו כחותיו, והיינו בההתקשרות שבאה ע"י המאכל והמשקה ממשיך כח פנימי וחזק יותר מעומק ופנימי' הנפש, וחיזוק הכחות שנעשה ע"י אכו"ש הוא בכל הכחות והאברים אפילו האברים

היותר דקים כמו חומר המוח שהוא כלי לאור השכל וחיזוק כח המשכיל שהוא כח רוחני נעלה ביותר. דעם היות שהאכו"ש הם דברים גשמי' בכל זה הנה פעולתם גם בהאברים היותר דקים ונעלים. וכן הוא בהעבודה הרוחני' בפרנסת האמונה שתהא זן ומפרנס את האמונה לחזקה בכל מיני חיזוק כמ"ש רבינו נ"ע לעשות בה ריבוי והתפשטות. והיינו דכח האמונה יתפשט בכל הכחות ובריבוי גדול והוא ע"י חיזוק כח יותר. והיזוק כח זה בא ע"י עבודה בתומ"צ ביגיעת נפש ויגיעת בשר בהשכלה והבנה והתקשרות בהשגה אלקית, שאז הנה גוף ועצם קיום המצות הוא באופן אחר לגמרי. וכמו בגשמי' הרי דבר המאכל והמשקה שאדם אוכל ושותה שעי"ז נעשה התקשרות הנפש עם הגוף הרי בהכרח שפעולת האכו"ש היא באברים הגשמי' ובהכחות הרוחני' כאחד אשר כן הטביע הבורא ב"ה שיפעול בשניהם, כן הוא בהעבודה הרוחני' שצ"ל העבודה ביגיעת בשר ויגיעת נפש דלבד קיום המצות בפו"מ ובאהוי"ר הנה צ"ל היגיעת נפש לבאר ולהסביר לעצמו את ההשכלה וההבנה בהשגה אלקית עד שיורגש אצלו הענין וגורם התחזקות בקיום התורה ומצות.

**וביאור** הענין הוא, דהנה מרע"ה נקרא רעיא מהימנא שרועה ומפרנס נש"י באמונה שיהי' הריבוי וההתפשטות בחיזוק כח יותר. דהנה איתא באד"ר דקל"ח ע"א משה משה לא פסיק טעמא בגווייהו דמיומא דאתיליד שלים הוי דכתיב ותרא אותו כי טוב הוא וארז"ל שנתמלא הבית כולו אורה. דהנה יש עובדי הוי' בנשמתם ויש עובדי הוי' בגופם, דההפרש ביניהם הוא דעובדי הוי' בגופם הוא שצריכים לברר ולזכך גופם ומדותיהם ועובדי הוי' בנשמתם הוא שבגופם ומדותיהם הם שלמים ואין צריכים שום עבודה, וכל ענין ירידת נשמתם למטה הוא רק בשביל הזולת. וזהו שלים הוי, דכל ענין ירידת נשמת משה למטה הוא בשביל לקבל את התורה וללמדה לישראל, דזהו ההפרש בין אברהם למשה, דאברהם אברהם פסיק טעמא ומשה משה לא פסיק טעמא, כי אברהם שבבריאה ואברהם שבאצי' אינם מסוג אחד, וכמ"ש רבינו נ"ע באגה"ק סי' מו מה ששמע ממורו ע"ה ע"פ ואנכי עפר ואפר שאמר אאע"ה על הארת נשמתו המאירה בגופו מאור חסד עליון והיא מדתו מדת האהבה רבה שהי' אוהב את הקב"ה אהבה גדולה ועליונה כ"כ עד שנעשה מרכבה להקב"ה וסד"א שבחי' חסד ואהבה שלמעלה בספי' העליונות היא מעין וסוג מהות מדת אהבה רבה של אאע"ה רק שהיא גדולה ונפלאה ממנה למעלה מעלה עד אין קץ ותכלית כנודע ממדות העליונות שאין להן סוף ותכלית מצד עצמן כי אוא"ס ב"ה מאיר ומלובש בתוכן ממש ואיהו וגרמוהי חד. משא"כ בנשמת האדם המלובשת בחומר שיש למדותי' קץ וגבול. אבל מ"מ סד"א שמדותי' הן מעין וסוג מדות העליונות. ולזה אמר ואנכי עפר ואפר, דכמו שהאפר הוא מהותו ועצמותו של העץ הנשרף שהי' מורכב מד"י ארמ"ע וג' יסודות אמ"ר חלפו והלכו בעשן המתהווה מהרכבתן כנודע, ויסוד הד' שהי' בעץ שהוא העפר שבו היורד למטה

ואין האש שולטת בו הוא הנשאר קיים והוא האפר. והנה כל מהות העץ וממשו וחומרו וצורתו באורך ורוחב ועובי שהי' נראה לעין קודם שנשרף עיקרו הי' מיסוד העפר שבו רק שאמ"ר כלולים בו כי העפר הוא חומרי יותר מכולם ויש לו אורך ורוחב ועובי משא"כ באש ורוח וגם המים הם מעט מזעיר בעץ וכל ארכו ורחבו ועוביו הכל הי' מן העפר והכל שב אל העפר, שהוא האפר הנשאר אחרי שנפרדו ממנו אמ"ר. והנה כמו שהאפר אין לו דמיון וערך אל מהות העץ הגדול באורך ורוחב ועובי קודם שנשרף לא בכמותו ולא באיכותו אף שהוא מהותו ועצמותו וממנו נתהווה, כך עד"מ אמר אאע"ה על מדתו מדת החסד והאהבה המאירה בו ומלובשת בגופו דאף שהיא היא מדת האהבה וחסד העליון שבאצי' המאיר בנשמתו שהיתה מרכבה עליונה אעפ"כ ברדתה למטה להתלבש בגופו ע"י השתל' העולמות ממדרי' למדרי' ע"י צמצומים רבים אין דמיון וערך מהות אור האה' המאיר בו אל מהות אור אה' וחסד עליון שבאצי' אלא כערך ודמיון מהות העפר שנעשה אפר אל מהותו ואיכותו כשהי' עץ נחמד למראה וטוב למאכל עד"מ ויותר מזה להבדיל באלפים הבדלות רק שדברה תורה כלשון בני אדם במשל ומליצה. ולכן פסיק טעמא בגווייהו בין אברהם לאברהם שאברהם שלמעלה באצי' אינו בערך לאברהם דבי"ע.

**אמנם** משה משה לא פסיק טעמא בגווייהו, שמשה באצי' ומשה שבבי"ע שוין. ומשה קבל תורה מסיני ולמדה לכל ישראל והוא הממשיך שפע הפנימי' לנש"י ולכן משה משה לא פסיק טעמא. דהנה כתיב וזרעתי את בית ישראל זרע אדם וזרע בהמה, שההפרש בין אדם לבהמה הוא דאדם יש לו דעת ובהמה אין לה דעת, וכן הוא בענין הנשמות דזרע אדם הן הנשמות דאצי' שהן הנקראות בנים למקום, והיינו שכמו מעלת האדם שיש לו דעת והשגה והרגשה כך אלו הנשמות יש להן דעת גדול באלקות. ופי' דעת אין ר"ל ידיעה לבד אלא בחי' הרגשה ממש. וזרע בהמה הן הנשמות שאין להן דעת כ"כ באלקות, והיינו נשמות דבי"ע שהן כמעט כל הנשמות שבדורותינו אלא שהנשמות דאצי' בני עלי' הנה שמועטים המה ואפילו בדורות הראשונים, ואין ר"ל שאין להן שכל והשגה באלקות אלא הגם שיש להן שכל והשגה שמשיגים ומשכילים גדולת הבורא ית' מפי ספרים ומפי סופרים, להיות בבחי' השגה והבנה גדולה איך שהקב"ה מחי' ומהווה עולמות ונבראים ואיך שלגדולתו אין חקר, מ"מ מאחר שאינו מורגש בנפשו בבחי' דעת שלם נק' בשם זרע בהמה, שהרי הבהמה יש לה ג"כ כחות רוחני' דראי' ושמיעה והיא רואה ושומעת ובכל זה אינה מבינה את הדבר שהיא רואה ושומעת והיינו מפני שאין לה דעת כ"כ, וכך נשמות אלו אין להם בחי' הדעת באלקות, שהדעת היא בחי' הרגשה כשהשכלה נקשרת ונקבעת בנפשו כאלו מרגיש, כי דעת הוא התקשרות והתחברות כמ"ש ומבשרי אחזה אלקה אחזה ממש כאלו רואה,, ואע"פ שא"א לראות בחי' אלקותו ית' בעין הגשמי מ"מ הוא ע"ד שהאדם יודע ומרגיש את נפשו אשר בקרבו

ומחי' אותו, הנה שהנפש ג"כ א"א לראות מהות הנפש איך ומה מ"מ הוא מרגיש את נפשו ע"י שרואה החיות של הגוף שזהו מהנפש ולכן בצאת הנפש מן הגוף נשאר הגוף כאבן דומם, וגם בעודנו חי אינו דומה חיות נפשו בכל עת, וכמו כאשר האדם ישן שאז מסתלק הנפש מן הגוף ולא נשאר רק קיסטא דחיותא הנה אז כל הכחות החשובים אינם בהתגלות כמו בזמן שהאדם ער, וכמו עד"מ כח השכל והראי' והשמיעה, ומהאי טעמא הנה בחלום מתחברים שני דברים הרחוקים זמ"ז בערך ובשעת השינה נדמה לו שזה נכון ומתיישב והיינו מפני שאז אינו מאיר אור השכל שיוכל להבחין שא"א לשני דברים האלה להיות יחדו, וכשמקיץ משנתו אז מתפלא בעצמו על ענינים ההפכים שיוכלו להתחבר בחלום והיינו מפני שכשניעור משנתו אז תשוב אליו גילוי אור חיות הנפש בפרטי הכחות, ועד"ז ממש הוא בחי' הדעת באלקות שיש לנשמות דאצילות דכתיב ומבשרי אחזה אלקה והגם דלית מחשבה תפיסא בי' כלל, היינו שמהותו ית' אינו מושג אבל מציאותו ית' נודע ונרגש, והיינו מה שאנו רואים שהעולמו' הם כמו גוף גדול והם חיים וקיימים והרי חיות זה הוא מאוא"ס ב"ה השופע להם בכל עת ובכל רגע והשכלה זו מושגת לבל. אך כשהיא מתקשרת בנפשו שיהי' נקשר ונרגש מסנה ממש כאלו רואה זהו הנק' בחי' דעת. וע"ז ארז"ל איזהו חכם הרואה את הנולד כאלו רואה בעין ממש הולדת והתהוות היש מאין.

**והנה** כאשר מבין ומשיג השכלה והשגה אלקית בהבנה טובה אבל אינה בקירוב והרגשה ממש בנפשו, הנה בחי' ומדרי' זו נקראת בשם זרע בהמה, לפי שצ"ל דעת והרגשה באלקות. דהנה כל ישראל הם מאמינים בני מאמינים והאמונה היא למעלה מהדעת, בכל זה נקראת האמונה עטרה שהיא בבחי' מקיף שאינה נרגשת בפנימי' שתהי' עבודה בפועל. וזהו שכתיב דע את אלקי אביך ואז הוא ועבדהו בלבב שלם, כי ע"י הדעת והשגה מורגשת כאלו רואה אז הנה לא זו בלבד שאין העולם מסתיר לו כלל אלא אדרבא בכל פינה שהוא פונה רואה הוא את האור וחיות האלקי דהוי' נצב עליו, וגם האהוי"ר שבאות מהדעת וראי' חושית אין ערוך אלי', כי אינו דומה שמיעה לראי', ופי' ראי' כמארז"ל הסתכל בשלשה דברים ואי אתה בא לידי עבירה, הסתכל דוקא בבחי' ראי' בעין השכל. והמשל בזה כמו אדם המבין בחכמתו ורואה שיבא עליו איזה דבר טוב או היפוכו ח"ו, אע"פ שרחוק הזמן שיבא הדבר הנה מפני הסתכלות שכלו הוא כאלו רואה מיד בעיניו וכאלו הובא עליו ומתיירא מאד אם רע הוא ושמח מאד אם טוב הוא. אבל בחי' שמיעה שהיא בחי' ההתבוננות בלבד במחשבה עמוקה זהו כמו ששומע מאחרים שיכול הדבר ההוא לבא הנה מזה לא תפול עליו היראה כ"כ מהרע או השמחה מהדבר הטוב, והיינו מפני שאין זה הדבר בהתגלות גמורה אצלו כ"כ, והגם שמתבונן בו מ"מ אינו דומה כמו שרואה בעיניו. דזהו מעלת הדעת שהו"ע התקשרות שמקרב גם דבר רחוק להיות פועל עליו כמו שהי' הדבר בקירוב ממש. וזהו הטעם מה שאינו דומה שמיעה לראי'

שראיית הדבר הגם שאינו מתחדש אצלו כלל על מה ששמע כבר הנה כשרואה מתפעל ביתר שאת על ערך ההתפעלות שהיתה ממה ששמע. וזשארז"ל הסתכל בשלשה דברים שיהי' ענין ההתבוננות אצלו בהסתכלות והוא כאדם המבין בחכמתו ורואה הדבר אע"פ שרחוק כנ"ל, ואיזהו חכם הרואה את הנולד, משא"כ בחי' שמיעה היא מבחי' בינה היינו שמבין אחדות הוי' איך שכולא חד ושכל העולמות בטלים ומבוטלי' וכאין נגדו ומושג אצלו השפעת חיותו ית' בעולמות ונבראים ואשר כל זה אינו עושה ח"ו שום שינוי בו ית' להיותו הארה בעלמא שאינה תופסת מקום כלל לגבי עצמותו ית', הנה אע"פ שמתבונן בו הדק היטב וכל עומק מחשבתו טרוד בה והרי נקבעה האמונה בלבו מ"מ הוא רק ע"ד שמיעה והבנה לבד ואין הענין בהתגלות גמורה כאלו רואה בעיניו. ולפיכך כשיסיר מחשבתו אף לפי רגע פונה לדרכי תאותיו. אבל כשענין האחדות הוא אצלו בהסתכלות דחכמה שהיא מקור הבינה קודם שיבא להתבוננות והרחבה הוא ממש כמו ראיית העינים ואז הנה א"א לו בשום אופן להסיר מחשבתו וכל המדות מענין האחדות, ובכל עשיותיו ועניניו דבוק בו ית' בדבקות נפלאה מפני היותו רואה את המלך בעיניו. ולכן אמרו הסתכל דוקא בבחי' ראי' ואז אי אתה בא לידי עבירה. ואין הכוונה שהסתכלות זו מגינה בעדו שלא יבא רק לידי עבירה בפו"מ אלא שאינו בא לעבור על רצונו ית' שבאמת הוא שמחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה והוא רק מה שאינה מצרפה דמחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה דמרובה מדה טובה ממדת פורעניות ולכן גם המחשבה טובה שחשב לעשות מצרפה הקב"ה למעשה שנחשב לו כאלו עשה. והפירוש האמיתי דמצרפה למעשה הוא דכאשר איש ישראל חושב לעשות איזה דבר בלימוד התורה, בקיום המצות ובמדות טובות וחפץ בזה בכל לבו ומאודו הנה הקב"ה מצרף כמה ענינים בהשגחה פרטית שיבא לידי מעשה.

**אמנם** כל זה במדה טובה אבל במדת פורעניות אין הקב"ה מצרף מחשבה רעה למעשה והוא רק מה שלמעשה אינה מצרפה אבל רושם מהמחשבה נשאר. אמנם ע"י עבודה זו דהסתכלות הנה מעבירים גם את הרושם דמחשבה רעה. ועבודה זו היא מיכלא דמהימנותא, מאכל המחזק את האמונה בדוגמת דבר כמו האכו"ש שפועלות התקשרות כחות הנפש הרוחני' באברי הגוף הגשמי'. וענינו בחי' ההרגש דקדושת התורה באותיותי' ובכל סברותי', דער דערהער פון דער הייליגקייט וואס אין תורה איז. וענינו בתפלה הוא ההרגש בההשגה האלקית לא רק מה שהוא מבין ומשיג את ההשגה כ"א מה שמרגיש, ויש בזה כמה כמה אופנים והלוקי דרגות בכל אחד ואחד לפי מעמדו ומצבו. וזהו וזרעתי את בית ישראל זרע אדם וזרע בהמה שהם שתי בחינות ומדריגות בנשמות בכלל, ונשמות דאצי' הן זרע אדם ונשמות דבי"ע הן זרע בהמה. וענינם בעבודה בכל הנשמות הם שני אופני ידיעה, הא' היא הידיעה שהיא רק בדרך הבנה והשגה שהו"ע השמיעה והב' הידיעה שהיא כאלו

רואה ע"י ההסתכלות החזקה. דזהו שרש ההפרש בין פרשה ראשונה דק"ש לפרשה שני' דק"ש שארז"ל שפרשה ראשונה היא בחי' עושין רצונו של מקום שעז"נ ועמדו זרים ורעו צאנכם ופרשה שני' דק"ש היא בחי' אין עושין רצונו של מקום, והיינו מפני כי בפרשה ראשונה נאמר בכל מאדך ובפרשה שני' לא נא' בה בכל מאדך. והיינו כי מאד הוא אותי' אדם זהו הנשמות שנק' זרע אדם בחינת ההשגה באלקות כאלו רואה ממש, וזהו הנק' עושין רצונו ש"מ שע"י הראי' היא בחי' ההתקשרו' לאלקו' כאלו רואה עי"ז בא להיות ועמך לא חפצתי, שלא יחפוץ לא בגעה"ת ולא בגעה"ע ולא בעוה"ב שכ"ז הוא עמך בטל וטפל לך כ"א יחפוץ לדבקה בו ית', וע"י בחי' רצוא ותשוקה זו ממשיך להיות נמשך בחי' רצון אותי' צנור, הוא בחי' ההמשכה מאו"אס ב"ה בעל הרצון להיות רצון, שהו"ע ההתגלות בנפשו ובחלקו בעולם, שהעולם שלו הוא באופן אחר מאחר שרואה את האלקות בכל דבר, והוא האין האלקי המהווה ומחי' את מהות מציאותו של כל דבר, בא אים איז א ליכטינגע וועלט, ער זעט אין יעדער זאך דעם תוך פנימי פון דער זאך וואס דאָס איז זיין אמת'ע מהות המציאות. משא"כ פרשה והי' אם שמוע הגם דכתיב בה והי' אם שמוע תשמעו הנה שמיעה היא בינה הבנה בעלמא ולא התקשרות ע"י הדעת כאלו רואה ולכן לא נא' בה בכל מאדך בחי' אדם כ"א בחי' זרע בהמה שהן נשמות דבריאה.

**והבחינה** הממוצעת המחברת ומזווגת חכמה עם בינה היא הדעת. וזהו דכתיב והאדם ידע את חוה שענינו בספירות הנה אדם הוא חכמה וחוה היא בינה אם הבנים של המדות והאדם ידע דהתקשרות החו"ב הוא ע"י הדעת. ובעבודה הוא שיהי' מקושר לה' בעומק נקודת פנימי' הלב במחשבת הבינה שמתבונן משא"כ בינה לבדה היא היות הענין במחשבה לבד ואפי' עומק המחשבה אינו נוגע לעצמותו דהיינו ללבו כלל. אבל כשהי' בבחי' רעו"ד התלהבות לבבו ודבקותו בהענין שמחשב עד שיהי' כולו בהענין דבוק מאד בכל חושי גופו שז"ע בחי' הדעת הנה הוא גורם שתתחבר החכמה לבינה, דהיינו שיגרום ברוב חוזק ההתבוננות עד שיהי' בהבינה בחי' ראי' חושי' ראיית החכמה. והנה בחי' דעת המחבר חכ' עם הבינה נק' דעת עליון. ויש בחי' ד"ת המחבר להיות התקשרות המוחין במדות והיינו בחי' פנימי' המדות. והנה מרע"ה כחו גדול שממשיך ומשפיע בחי' דעת בנש"י גם בנשמו' דבי"ע שנק' בשם זרע בהמה שיהי' בהם בחי' דעת הכרה והרגשה באלקות להיות וידעת היום כו' דע את אלקי אביך והוא המזווג וממשיך בחי' חכ' לבינה שתהי' בההתבוננות בחי' ראי' כי מרע"ה הוא רעיא מהימנא אחד המיוחד משבעה רועים שרועה ומפרנס את נש"י בהשפעתו אליהם מוח הדעת שזהו פי' רעיא מהימנא שמפרנס את האמונה. ולכך הוא גואל ראשון וגואל אחרון, פי' גואל שהוא המשפיע להם בחי' הדעת שהרי בתחלת דבורו עמהם אמר להם וידעתם כי אני הוי' כמ"ש בר"פ וארא, דכתיב וידבר משה כן אל בני ישראל, ומקודם

לזה כתיב ויאמן העם שהי׳ בבחי׳ אמונה לבד ומשה השפיע להם בחי׳ הדעת. וכמו״כ הוא גואל אחרון להיות ומלאה הארץ דעה את הוי׳ להיות בטל וטפל להוי׳ כי כלם ידעו אותי. והיינו כי הדעת שנמשך בגאולת מצרים זהו רק בבחי׳ ממכ״ע אבל שיהי׳ הדעת גם בבחי׳ סוכ״ע זה יהי׳ בביאת משיח צדקנו בב״א. וזהו בטח בהוי׳ דראשית הכל צריך לְהיות בוטח בה׳ והבטחון יהי׳ בפועל דבר והיינו שלא יהי׳ רק בדבור בלבד אלא שיהי׳ בפועל והוא אומרו ועשה טוב בפו״מ, ועי״ז יהי׳ לו חיים של מנוחה. והמיכלא דמהימנותא שזן ומפרנס את האמונה הוא הדעת שמקשר ומקרב את הדבר, דהנה כל ישראל הם אוהבים את התומ״צ וששים ושמחים ללמוד תורה ולקיים את המצות וכל ישראל שונאים את העבירות והם יראי אלקים אבל כ״ז הוא ע״פ השכל והבנה דתו׳ וענין הדעת הוא להרגיש את קדושת התורה, די הייליקייט וואס אין תורה וכמשל הנ״ל שהדעת מקרב את הדבר טוב שהוא שש ושמח או מטיל חרדה ופחד גדול מן הדבר הרע הנה כן הוא שע״י הדעת נעשה שמחה גדולה בקיום המצות וכן שמטיל עליו אימה גדולה להיות ירא חטא. וזהו שהדעת הוא מיכלא דמהימנותא שזן ומפרנס את האמונה.

---

## קטע משיחת כ״ק אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

### בוקר יום ב ח שבט, ה׳תשב, שיקאגא

אין דער מתנגדישער וועלט האָט מען איצטער באנייט די אלטע פראַגע: וואָס האָט חסידות אויפגעטאָן אויף מוסר?

געווען א צייט וואָס גאוני התורה האָבען געהאלטען, אז דער עיקר איז לימוד התורה, און צוליב תיקוני עבירות און תיקוני המדות האָט מען געמאַכט פארשידענע סיגופים און אָפּ־געריכט גלות.

אין יענער צייט, אַז א איד האָט גע־לערענט אפרק חובות הלבבות, א מאמר אין שערי תשובה לרבינו יונה, אָדער ראשית חכמה, האָט דאָס געהאָט די גרעסטע ווירקונג אויף צו פועל זיין א לב נשבר ונדכה און א געוויסען תיקון המדות.

ווען דער רבי — דער בעל התניא והשו״ע — האָט מפרסם געווען זיין שיטה, תורת חסידות חב״ד, איז אין משך פון בערך צוואַנציג יאָהר ארומ־געגאנגען בא גאוני ישראל א וועלט־פראַגע: וואָס טוט אויף חסידות אויף מוסר?

נאָכדעם ווי א פּאָר יאָהר איז שטאַרק פאַרשפרייט געוואָרען דעם רבינ׳ס תניא צווישען אלע אידישע קרייזען, פון די גרעסטע גאוני הגאונים ביז דעם פשוט׳ן עין־יעקב איד, און נאָך דעם שענדליכען מסירה־דורכפאַל פון די מנגדים אויף תורת ושיטת החסידות, אז מיט דער געטליכער קראַפט האָט די שיטת החסידות הכללית און תורת ושיטת חסידות חב״ד בפרט, פארנומען דעם אויבענאָן אין דעם אלגעמיינעם אידישען גייסטיגען לעבען, האָט די פראַגע „וואָס האָט חסידות אויפגעטאָן אויף מוסר” אָנגעהויבען בלייך ווערען

און אונטערגעהן. מעהר ניט בא די רעשטלעך איינגעבאָקענע מתנגדים האָבען זיך מזמן לזמן ארויסגעכאָפּט גיפטיגע אויסשפּראכען קעגען חסידות און חסידים.

דעם רבינ׳ס תניא, דער ספר של בינונים, מיט די פארשידענע דערקלעהרונגען פון די דרכי החיים, ווי א איד דארף לעבען קערפּערליך און גייסטיג, און די פארשידענאָרטיגע עצות ווי אויסצוגעפינען די מומי בני אדם און אויספאררריכטען זיי, האָט אויפגעעפענט די אויגען צעהנדליגער טויזענדער אידען אין דער ברייטער וועלט, בכל תפוצות ישראל בגולה ובארץ ישראל. גרויס און קליין האָבען געהאָט אין דעם תניא א ספר דרך החיים; ווי א גאָר גרויסער גאון מוז זיין א עובד ה׳ און ווי גאָר א פשוט׳ער איד קען זיין א עובד ה׳.

דאָן איז פאר אלעמען קלאָהר געוואָרען וואָס חסידות האָט אויפגעטאָן אויף מוסר, און עדת החסידים בכלל און חסידי חב״ד בפרט האָט, ב״ה, געוואַקסען און גרעסער געוואָרען בכמות ובאיכות מיט א געטליכער הצלחה, וואָס עס האָט ארויסגערופען א שנאה כבושה בא די מנגדים אויף תורת ושיטת החסידות בכלל און שיטת חסידות חב״ד בפרט.

* * *

עס איז פאַראַן א מאמר החכם [32]: לכל השנאות יש תקנה חוץ משנאה הבאה מחמת קנאה שאין לה תקנה לעולם. און לײדער, צו אונזער גרויסען פארדרוס, האָט דער אמת שטעכענדיגער געבראָכטער מאמר ארומגענומען אפילו די ארזי הלבנון אין דער עדת בעלי המוסר.

אין מיינע רשימות איז פאַראַן א אריכות׳דיגע פארצייכנונג פון דער באַוואוסטער נסיעה וואָס דער עלטער זיידע, דער רבי הגאון בעל צמח צדק, איז געפאָהרען קיין מינסק און ווילנא און די דאָרטיגע גרעסטע גאונים האָבען איהם מקבל פנים געווען בהדרת קדש. אויף איינע פון די יחידי סגולה־דיגע התועדות׳ן האָט איינער פון די זקני גאוני מינסק, פון די באַוואוסטע בעלי מוסר, ווידערהאָלט די פראַגע: „וואָס האָט חסידות אויפגעטאָן אויף מוסר״?

דער רבי דער צמח צדק האָט בא איהם געפרעגט, צי האָט ער געלערענט דעם ספר התניא.

יענער גאון האָט געענטפערט, אז ער האָט דעם תניא ניט געלערענט.

האָט איהם דער רבי דער צמח צדק געזאָגט, אז בא איהם — דעם גאון — האָט טאקע חסידות גאָר ניט אויפגעטאָן, און ער — דער צמח צדק — איז מסופק צי אויך מוסר האָט בא איהם — דעם גאון — עפּעס אויפגעטאָן.

מיט אָט דער גיפטיגער לקנתר שאלה האָט זיך מיט פופציג־זעכציג יאָהר צוריק באַנוצט דער שלעכטער און מחרחר ריב טייל פון דער עדת מנגדי החסידות והחסידים, און זיי זיינען דאָס די בעלי מעשים תעתועים וואָס האָבען פארפיהרט דעם גוטען תמימות׳דיגען טייל פון עדת מנגדי החסידות והחסידים און האָבען געבראָכט א חרפּת עולם.

נאָכדעם — זאָגט דער רבי דער צמח צדק — ווי מען לעבט א יובל יאָהרען אין א שטאָדט וואָס א גרויסער טייל — כ״י — זיינען חסידים און מען טרעפט זיך מיט זיי פנים אל פנים, וואָך, שבת און יום טוב, און מען חזר׳ט אלץ איבער די אלטע פראגע „וואָס האָט חסי־

32) השווה מבחר הפנינים שער מח, כד הקמה אות קנאה

דות אויפגעטאָן אויף מוסר" איז א גרויסער ספק צי דער מוסר האָט עפּעס אויפגעטאָן.

דער אויפטו, זאָגט דער צמח צדק, פון דרך החסידות אויף דרך המוסר איז: דער דרך המוסר איז ברעכען, דערנידערען, גריבלען זיך אין די פסולת. דער דרך החסידות איז ערקלהערען, אויפהויבען העכער, אויסגעפינען די באהאלטענע כחות מיט וואָס צו היילען די מומי בני אדם און מאַכען א שאיפה צו העכער און אידעלער.

* * *

דאָס איז געווען כמעט — אָדער מעהר — ווי מיט הונדערט יאָהר פריהער. אין משך פון דער צייט, וואָס בחסדי השי"ת האָבען אונזערע רביים, נשיאי החסידות הכללית און נשיאי חסידות חב"ד בהדרת קדושתם מבאר געווען די תורת החסידות מיט ביאורים און הסברים וואָס ווייזען קלאָהר און דייטליך דעם פרצוף פון חסידות בכלל און חסידות חב"ד בפרט — איז שוין קיין אָרט ניט פאראן פאר דער פראַגע „וואָס חסידות האָט אויפגעטאָן אויף מוסר".

אויך די שיטת המוסר האָט זיך במשך פון די הונדערט יאָהר שטאַרק געענדערט און האָלט זיך אין ענדערען מזמן לזמן.

די חסידות פארשפרייטע שיטה פון אהבת ישראל, וואָס מורנו הבעש"ט נ"ע האָט מייסד געווען, און די פאַרשידענארטיגע תעמולה ארבעט, וואָס די חבריא קדישא תלמידי הבעש"ט ותלמידי תלמידיו האָבען אָנגעפיהרט אויף מקרב צו זיין די פשוט'ע אידען און אויסראָמען די עם־הארצות מיט קירוב און ברכות — האָט ארונטערגעריסען די גאַנצע קללות־מגידות וואָס האָט געהאלטען אין דערנידערען און שילטען די פּראָסטע אידען אין זייערע מוסר דרשות.

די גאוני עולם, מנהיגי ישראל, וועלכע זיינען געווען נגד שיטת החסידות, זעהענדיג דעם קאטאסטראָפאַלען דורכפאַל פון די האַרטע בייזע מגידים, ווערענדיג הויבען דעם דרך המוסר און שאפען ביים כלל ישראל די דיעה אמיתית אז מוסר איז מעורר צו עבודת הבורא ב"ה און אז אלע, אפילו די גרעסטע גאונים און צדיקים, באַדאַרפען האָבען די הילף פון מוסר צום עבודת הבורא ב"ה, האָבען זיך משתדל געווען און עס איז געשאַפען געוואָרען א כת מוכיחים.

די מוכיחים האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע אידעלע באַנעמונגען און שעהנע געדאנקען, ווי צום ביישפיל דער דובנער מיט זיינע גאונישע משלים וואָס ער האָט צוגעפּאַסט צו יעדען ענין וואָס ער האָט גערעדט.

דער דרך המוסר האָט פארנומען א מקום חשוב בא די גרעסטע גאוני עולם. בפרט נאָך דעם ווי דער ווילנער גאון האָט גערופען דעם דובנער מגיד אז ער זאָל קומען צו איהם זאָגען מוסר — איז דער ענין ההוכחה געוואָרען דער גרעסטער טייל אין עבודת הבורא.

שפּעטער מיט יאָהרען האָט דער מוסר ווידער געקראָגען זיין פייערדיגען פּרצוף ברייט ארומרעדען דעם משפּט הרשעים און שכר הצדיקים נאָר אָן קללות און אָן דערנידערונגען.

אויף דעם געביט פון מוסר האָט פיל געשאַפען דער קעלמער מגיד מיט זיין אויסערגעוועהנליכען כשרון ההטפה און לשון למודים.

ווען דער קעלמער מגיד פלעגט אין זיינע מוסר דרשות באַשרייבען דעם גיהנום און גן עדן, דער בילד ווי עס זעהט אויס די שבעה מדורי גיהנום

און די „שעהנע מענשען" וואס געפינען זיך דארט מיט די פארשידענע עונשים מיט וועלכע מען משפט דארט, פלעגט אלעמען באפאלען א אימה ופחד און מען פלעגט קלאגען און יאמערען.

באזונדערס פלעגט ווערען א יאמער ווען ער פלעגט פארשטעלען די משו־נה'דיגע וועהטאגען און הארצרייסענדע געשרייען ווי די געשטראפטע שרייען, דאן פלעגען מאנכע חלש'ן פון מורא.

אויך ווען דער קעלמער מגיד פלעגט מיט זיין פה מפיק מרגליות באשרייבען די היכלות פון גן עדן מיט די גילדענע שטולען אין די מיט דימענטען און ברי־ליאנטען אויסגעפלאסטערטע חדרים מיט די גרויסע קרוינען אויף די קעפ און די וואוילטאגען פון די תענוגים אין גן עדן פלעגט די צוהערער ארומ־כאפען א אויסערגעוועהנליכע פרייד, באזונדערס פלעגט זיין גאר א גרויסע שמחה ווען ער פלעגט באשרייבען די לעתיד לבא'דיגע סעודה מיט לויתן, שור הבר און יין המשומר, דאס פלעגט ארויסרופען גרויס התעוררות אין יראת שמים.

און אזוי איז די השתלשלות פון תורת המוסר געגאנגען מדור לדור מיט פארשידענע פארשריט ביז געוויסע חכמי המוסר האבען זיך גענומען בא־נוצען מיט חסידישע רעיונות, מען האט דעם רבינ'ס תניא ארייגענומען אין דעם מוסר ספרים אלמער. בפרט אין די לעצטע פופצעהן יאהר האבען די גאוני בעלי המוסר אין זייערע דרשות ושיחות אין די מרכזים פון די גרעסטע ישיבות זיך באנוצט מיט פארשידענע חסידישע דערקלעהרונגען און דברי התעוררות.

און נאך אלעם דעם פרעגט מען ניט־געשעהמטערהייט „וואס טוט אויף חסי־דות אויף מוסר"!

ווען א בעל מוסר זאגט דאס איז דאס א דייטליכער באווייז וואס מוסר האט אויפגעטאן, און זעהענדיג א תלמיד פון תומכי תמימים מיט זיין אויסזעהן און יראת שמים הנהגה איז איבעריג צו דיסקוטירען וואס חסידות טוט אויף.

חסידות באלעבט די אמת'ע אידישע אייזען־שטארקע אמונת ה' חיבת התורה וקיום המצות און די העכסט אידעל־סטע אהבת ישראל מיט דער גרעס־טער תוקף הדעת'דיגער עקשנות פון „יהי מה, א איד בין איך אומעטום און אלעמאל".

די פראגע איצטער „וואס האט חסידות אויפגעטאן", אדער דער נייער נוסח וואס איך האב געהערט פון איי־נעם פון די גדולי הרבנים דא אין לאנד „צו וואס באדארף מען לערנען חסידות אז עס איז פאראן מוסר" איז דער ריכטיגער אויסדרוק — האט קיין פאראיבעל ניט — פון שנאת אחים וואס וואקסט ארויס פון די ספיחי גרעיני מעין נרפש.

* * *

די צעהן יאהר — פון תמוז תר"ץ ווען איך בין אוועקגעפאהרען פון דער מדינה ביז אדר שני ת"ש ווען איך בין צוריקגעקומען אין דער מדינה — האב איך געטראכט וועגען דעם תורה ביראת שמים אויפבוי אין אמעריקע. איך האב, בעזה"י, געבויט דעם חב"ד דורך די רבנים ותלמידי תומכי תמי־מים מיט דער האפענונג, אז די מחונכים דורך זקני אנ"ש רבנים ותלמידי תומכי תמימים וועלען זיין די צנורות, וואס וועלען, בעזה"י, ברייגנען די מים חיים פון תורת חסידות חב"ד און דרכי החסידים צו די בני תורה תלמידי הישיבות, און די בני תורה תלמידי הישיבות וואס זיינען סופג אין זיך דעם רוח תומכי תמימים ליובאוויטש ווע־

לען זיין ,בעזה״י, א פנס אור תורה תמימה אין דער אידישער גאַס, אַז די אידישע הייזער אין אַמעריקע זאָלען, בעזה״י, באַלויכטען ווערען מיט קיום מצות מעשיות.

רבות מחשבות בלב איש ועצת ה׳ היא תקום. מיין אוועקפאָהרען פון פוילען קיין לאטוויא[33]) איז מיר געוועז אזוי שווער ווי מיין אוועקפאָהרען פון רוסלאַנד, און אזוי ווי פון רוסלאַנד בין איך געפאָהרען בעל כרחי, אָט אזוי בין איך אוועק פון פוילען קיין לאטוויא אויך בעל כרחי. און די השגחה העליונה האָט מיך געבראַכט איצט קיין אַמעריקע אויף צו ארבעטען און אָנפיהרען מיט דער הרבצת תורה ביראת שמים און חיזוק היהדות ארבעט.

גלייך בא דער ערשטער זיצונג — אין גרייסטאָן האָטעל (נ. י.) מיין ציטווייליגע אכסניא — האָב איך ברייטער ארומגערעדט די צילען פון מיין קומען אין דער מדינה אין דער שליחות פון דער השגחה עליונה — ווי די שליחות פון יעדען אידען וואָס די השגחה עליונה פיהרט איהם צוליב א כוונה רוחנית, ווי עס שטעהט מה׳ מצעדי גבר כוננו — אז דאָס איז ניט נאָר אויף צו קריגען, בעזה״י, א הילף פאר בני תורה מחוץ למדינה, נאָר אויך טאָן, בעזה״י, אין הרחבת אהלי תורה דאָ אין לאַנד.

אין דער צווישענצייט, פון יענער זיצונג אָן, האָב איך געזעהן און געפיהלט די אומצופרידענקייט און געגנערשאַפט פון א טייל מענשען, דאָך האָב איך אלעס פאַרקוקט און מיט א שווערער צובראָכענער האַרץ פון דעם מצב הגשמי פון אחב״י שי׳ מעבר לים און פון דעם שווערען ביטערען מצב הרוחני פון אחב״י שי׳ במדינה זו, האָב איך מתפלל געווען מיט טרערען און געבעטען צו מיינע הייליגע אבות, אַז זיי זאָלען מעורר רחמים רבים זיין אויף זייער איינציגען יתום, אַז ער זאָל ח״ו ניט מיטגעשלעפּט ווערען מיט דעם זרם מים רבים און אז מען זאָל געבען איהם און זיינע מיטהעלפער כח והצלחה אין הרבצת תורה ביראת שמים און אין א ברייטער ארבעט אין החזקת היהדות.

די צוויי יאָהר שווערע ארבעט אין דער פדיון שבוים און הרבצת התורה ארבעט האָבען ב״ה געגעבען די בעסטע פרוכט.

מיין ארבעט דורך וואָרט און דורך פארשידענע שריפטען האָט, ב״ה, ארונטערגעריסען דעם פאַלשען לאָזונג „אַמעריקע איז אַנדערש, אין אַמעריקע קען מען ניט זיין אזא איד און פיהרען אזא לעבען און חינוך ווי אין דער אַלטער היים״.

אין פאַרלויף פון די ניט פולע צוויי יאָהר ווי עס איז, בעזה״ש, געגרינדעט געוואָרען און עס עקזיסטירען די שריפטען איז, ב״ה, אונטערגעזעגט געוואָרען דער שאַנד־סלופּ, דער אַנהאַלט־פּלאַץ פון פאַרשידענע אַמעריקאַנער לאָזונגען „אַמעריקע איז אַנדערש״, „אין אַמעריקע מעג מען״, „אַמעריקאַנער צדקות פארדעקען אויף מצות״ א. א.

די צוויי־יאָריגע ארבעט האָט השי״ת געבענטשט מיט א גייסטיגען דערפאָלג וואָס אלע זעהען אז דאָס איז א געטליכע הילף, ניט קיין מענשליכע ארבעט.

דאָס איז זיכער נאָר דער זכות און התעוררות, רחמים רבים פון הוד כ״ק אבותינו רבותינו הק׳, אז אונטער אַזעלכע שווערע אומשטענדען און אזא

---

33) ראה „היום יום״ ע׳ 10.

געגען און שטערונגס ארבעט, ווי איהר אליין ווייסט,

— אין מיינע טעגליכע רשימות איז אלעס פארצייכענט, דבר דבר על אופנו, אלע מיטהעלפער זיינען פארשריבען אין שער הכבוד והזכות און אלע שטערער זיינען פארשריבען אויפ׳ן עמוד הקלון. —

דאך זעהען אלע די ישועת ה׳ וואס עס איז אויפגעטאן געווארען דירעקט און אומדירעקט אויף די תורה און חיזוק היהדות געביטען.

* * *

איצט בין איך געקומען אין שיקאגא בעטען בא די שיקאגער אידען זייער מיטהילף אויף דעם מרכז ישיבות תומכי תמימים ליובאוויטש. און איך וויל פאר אייך קלאהר מאכען מיין שטעלונג און די הויפט־פרינציפען פון מיין אלגעמיינער ארבעט אין אלע געביטען וואס זיינען נוגע דעם כלל ישראל הן אין רוחניות און הן אין גשמיות.

מיינע ארבעטס פלענער אין הרבצת התורה ביראת שמים און חיזוק היהדות ווערען אויפגעשטעלט אויף די יסודות הקודש וועלכע איך האב מקבל געווען אין די פינף און צוואנציג יאהר וואס איך האב זוכה געווען משמש זיין מיין הייליגען פאטער און גדולי הרבנים הגאונים אין דער עסקנות הכלל.

דער רבי — דער בעל התניא ושו״ע — גיט אפ א באזונדער טייל אין איינער פון זיינע אגרות הקדש [34]) ווענען ניט כועס זיין אויף מנגדים און ניט טראגען אויף זיי א הארץ, מיט דער דערקלעהרונג אז זיי זיינען מעהר ניט ווי שלוחים. אין אונזער פאל מיינט דאס צו זאגען, אז מען דארף ניט זיין אין כעס נאר מען באדארף באדויערען און רחמנות האבען אויף די, וואס האבען זיך אויסגעקליבען אזא שליחות פון צו זיין מנגדים אויף הרבצת תורה ביראת שמים און החזקת היהדות פון דעם אלטען שטייגער.

איך באדויער זעהר די מנגדים אויף דעם שטייגער הרבצת תורה ביראת שמים ברוחה של תומכי תמימים ליובאוויטש און החזקת היהדות ברוחה של ליובאוויטש, און איך האב מיט זיי גרויס מיטלייד אויף זייער געפאלענקייט און קליינקייט, עס איז באמת א גרויסער רחמנות אויף זיי.

* * *

איהר, וועלכע זייט פון די רבנים מיוחדים אין אמעריקע, באדארפט און מוזט פיהלען דרשת חז״ל [35]) אויף דעם פסוק ואשימם בראשיהם. רבנים בכלל און יחידי סגולת הרבנים בפרט דארפען פארשטעהן די ערנסטקייט פון דעם אידישען רוחניות׳דיגען צושטאנד אין אמעריקע און אונטערנעהמען די ריכטיגע הרבצת התורה און חיזוק היהדות ארבעט, ווי עס האבען געטאן די גדולי התורה אין דער אלטער היים.

רבנים בכלל און יחידי סגולה פון זיי בפרט! ערפילט אייער פליכט, אייער חוב קדוש צו אלקי ישראל, צו תורת ישראל, צום עם ישראל מיט ווארט און טאט.

א יאהר מיט פינף חדשים אז איך פאדער אויף די רבנים און מאך זיי אויפמערקזאם אז זיי, אלס וועג ווייזער און ווארט פיהרער, דארפען און מוזען נעהמען א פעסטע שטעלונג צום כשרות החינוך.

אויף דעם וואס מען לייגט אין די אידישע טעפלעך זיינען פאראן משגיחים און רבנים מכשירים און אויף דעם וואס מען מעג לייגען אין די אידישע

34) תניא אגה״ק ס׳ כה.
35) ספרי דברים א, יג.

קינדערשע קעפלעך זיינען ניטא קיין משגיחים און הכשרים.

איך האב זיך אפטמאל עפענטליך ארויסגעזאגט וועגען דער מוטלאזיגקייט פון געוויסע רבנים און שובי״ם אין זייער שעהמען זיך מיט׳ן אידישען הילוך, בארד און פיאות און ציצית. איך האב געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דעם גאון יעקב — אידישען שטאלץ — שטאנדפונקט. איך האב ניט גערעדט און רעד ניט פון דעם הלכה שטאנדפונקט, צי די הלכה איז כדעת המחמירין אדער כדעת המקילין, נאר פון דעם אידישען שטאלץ שטאנדפונקט.

פאר וואס פארשוועכט מען דעם גאון יעקב? די רבנים — אויסער זייערע שוהלען — שעהמען זיך מיט זייערע אמטען אלס רבני ישראל. גייענדיג אין גאס, ווילען זיי זיך אויסמישען מיט אלע גאס געהער. זיי טוען אלעס וואס זיי קענען אין פריזור און טראכט אז מען זאל „חלילה" ניט דערקענען אויף זיי אז זיי פארנעהמען דעם אמט פון אידישע גייסטיגע פיהרער.

די אידישע הארץ בלוטיגט זעהענדיג אז די אומות העולם׳שע גייסטליכע פיהרער זיינען שטאלץ אויף זייער קליידונג, זיי ווילען זיך ניט אויסמישען מיט די גאס־געהער. זיי טראגען זייערע גייסטליכע פליכטען אין גאס און אין דער געזעלשאפט גלייך ווי אין קירכע, און — להבדיל באלף אלפי הבדלות — דער אידישער רב איז מוטלאזיג און אראפגעפאלען בא זיך. בעפאר ער געהט ארויס אין גאס איז ער זיך בודק עס זאל אויף איהם ניט ניכר זיין דער גייסטליכער אמט. מיט דעם איז מען מחלל דעם גאון יעקב.

ווי געזאגט איז דאס אלץ גערעדט פון דעם אידישען שטאלץ שטאנדפונקט. אבער די רבנישע גייסטיגע מוטלאזיגקייט איז, אחוץ דעם וואס עס באווייזט אויף זייערע — במחילת כבודם — קליינקייט און גרינגשעצונג פון זייער גייסטליכען אמט, איז ווירקט דאס זעהר ניט גוט אויף דער עדה און עס ברייגגט צו פארשידענע איסורים, דרבנן ודאורייתא.

עס איז זיכער אומלאגיש דעם דורכשניטליכען מענשען׳ס אויסשפראך „אז דער גייסטיגער פיהרער מעג דאס — מעג איך דאס" — עס איז א להבדילדיגער אונטערשייד פון דעם וואס דער גייסטיגער פיהרער טוט ביז דעם וואס דער עדה מעמבער טוט. דער גייסטיגער פיהרער טוט באופן ווי על פי דין כדעת המתירים און דער עדה מעמבער טוט א איסור דאורייתא, אבער רובא דרובא וויס ניט דערפון און קוקט נאר אויפ׳ן אויסערליכען אויסזעהן.

לדוגמא:

תגלחת הזקן. די רבנים און בני תורה טוען דאס על פי דין כדעת המתירים, און די עדה מעמבערס טוען דאס בדרך הפשוט און יעדער מאל וואס זיי גאלען די בארד זיינען זיי עובר חמשה לאוין. צא חשוב וויפיל טויזענדער לאוין דאורייתא זיינען, ר״ל, אידען עובר איבער די רבנישע נאכלעסיגקייט.

נאכמער: פילע יונגע לייט, מיט וועמען איך האב גערעדט וועגען טהרת המשפחה, האבען מיר געזאגט, אז עס ווערט אפגעהיט די צייט ווי מען באדארף נאר געהן אין מקוה שעהמען זיך זייערע פרויען און זאגען, פאר וואס שעהמט זיך דער רב געהן מיט א בארד, אויב דער גייסטיגער פיהרער שעהמט זיך מיט דער אלטער אידישקייט, פאר־

וואָס זאָלען זיי זיך פיהרען לויט דער אַלטער אידישקייט?

* * *

איך בין זיך ניט מתנצל אויף דעם וואָס איך פאָדער בא די רבנים פאַרשידענע תיקונים. איך האָב געמאָנט, איך מאָן און וועל מאָנען שטאַרקער און שטאַרקער, ביז די יראי אלקים רבנים וועלען, בעזה״י, ווערען תוקף הדעת׳דיגער און דער קרן הרבנות וועט זיך שטעלען אויף זיין ריכטיגען הויך.

איך האַלט דאָס — דעם ריידען צו די רבנים און ראשי ישיבות ותלמידי הישיבות און אויפפאָדערען זיי צו פאַרשידענע תיקונים און בעיקר אין חינוך הכשר — פאר מיין שליחות פליכט וואָס איך מוז, בעזה״י, דורכפיהרען אונטער אלע אומשטענדען.

עס שרעקט מיך ניט אָפּ קיין שווערע ארבעט, אויך ניט קיין שטערונג פון מנגדים. אין דעם משך פון איבער זעקס און פערציג יאָהר — (תמוז תרנ״ה—שבט תש״ב) — כלל ארבעט בין איך, ב״ה, דורכגעגאנגען פיל פארשידענע צייטען, התנגדות, עלילות, מאסרים, און השי״ת האָט מיך באַגליקט אויף דורכצופיהרען די שליחות וואָס איז מיר איבערגעגעבען געוואָרען.

איך בין זיכער אין דער געטליכער הילף אז מיין שווערע ארבעט וועט סוף כל סוף האָבען די ריכטיגע ווירקונג אויף די רבנים און ישיבות, אין א יאָהר העכסטענס צוויי וועט מען מערקען דעם אונטערשייד.

דאָס וואָס עס איז ב״ה אויפגעטאָן געוואָרען בזכות הוד כבוד קדושת אבותי רבותינו הק׳ אין משך פון די צוויי יאָהר שטאַרקט מיין האָפענונג אז אין א יאָהר ארום העכסטענס צוויי וועלען די אויפטואונגען ריידען בעזה״י פאר זיך אליין.

און איך בין זיכער אז, ב״ה, די תומכי תמימים ליובאוויטש פאָן איז שוין אויפגעהויבען געוואָרען אויך אין אמעריקע און תומכי תמימים וואַקסט און וועט מיט ג־טס הילף וואקסען מחדש לחדש ומשנה לשנה בגשמיות וברוחניות.

---

## שיחת כ״ק אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

### אור ליום ג ט שבט ה׳תשב, שיקאגא

מיט צוועלף יאָהר צוריק, זייענדיג בא אייך אין שיקאגא, האָב איך דענסטמאָל געזאָגט, אַז איך בין געקומען ניט נאָר נעהמען געלט פאַר יוראָפּ, נאָר אויך געבען, און דאָס איז מיין תעודה בחיים אין משך פון יאָהרען ארבעט בעזה״י פאר הרבצת התורה ביראת שמים און חינוך הכשר.

דאָס איז געווען מיין וואָרט דענסטמאָל.

יעצט, אז די השגחה פרטית האָט מיך מטלטל געווען ממדינה למדינה ביז אמעריקע, איז דאָס דער מה׳ מצעדי גבר כוננו, מיט א געוויסער שליחות פאר הרבצת התורה ביראת שמים און חינוך הכשר.

א שליח מוז זיין שליחות דערפילען אונטער אלע אומשטענדען.

מיט מסירות נפש מוז א שליח דורכפיהרען די שליחות, וואס די השגחה פרטית העליונה האט אויף איהם ארויפגעלייגט.

מיין קומען אהער אין אמעריקע, און אזוי אויך דער קומען פון רבנים יעצט אין אמעריקע, איז ניט ווייל מיר האבען פארדינט בא השי״ת געראטעוועט צו ווערען פון דעם צורר׳ס בלוטיגע הענט, נאר השי״ת האט אונז געשיקט אהער אין לאנד מיט א דאפעלטער שליחות צו די אמעריקאנער אידען און צו די רבנים ועסקנים בראשיהם.

איין שליחות איז, אז דער אמעריקאנער אידענטום און די רבנים ועסקנים בראשיהם זאלען טאן אלעם מעגליכע אויף צו שפייזען און ראטעווען דעם מעבר לים אידענטום פון אונטערגעהן.

עס איז זיכער עפעס געטאן געווארען — פאר וואס איך דריק אויס א יישר כח צו די מחזיקי מוסדות התורה מעבר לים און צו די אונטערשטיצער פון מיין פדיון שבוים ארבעט — אבער עס איז נאך זעהר ווייניג. עס מאהנט זיך א גרעסערע אנשטריינגונג.

מיינע אמאליגע שוידערליכע איבערלעבונגען פון דער יעווסעק־ציע־אינקוויזיציע קומען ניט צו די ביטערע איבערלעבונגען וואס אחב״י איבערלעבען דארט איבער.

דארט, אין די מקומות המלחמה, זיינען זיי דאך צובראכען מקוצר רוח ועבודה קשה, אז זיי האבען קיין כח ניט צו שרייען. איך בין געווען מיט זיי צוזאמען איבער דריי מאנאטען און האב צוגעזעהן די שרעק־ליכקייט פון דעם מצב בכלל און פון אידען בפרט.

עס מוז ארגאניזירט ווערען א גרעסערע שטיצע פון שפייזען אויפ׳ן ארט און פארשטארקען די עמיגראציע מעגליכקייטען מיט דער גרעסטער ענערגיע.

די צווייטע שליחות וואס די השגחה העליונה האט אויף מיר ארויפגעלייגט איז די ארבעט פון הרבצת תורה ביראת שמים און חינוך הכשר דא אין לאנד.

באלד אנקומענדיג האב איך געגרינדעט א פדיון שבוים פאנד און א ישיבה ברוחה של תומכי תמימים ליובאוויטש.

בחסדי השי״ת איז במשך פון דער קורצער צייט גאר א סך אויפ־געטאן געווארען, הן אין דער פדיון שבוים ארבעט און הן אין דער ישיבה תומכי תמימים ליובאוויטש ארבעט. דער תומכי תמימים ליו־באוויטש חסידישער תורה ויראת שמים רוח שפיגעלט זיך אויך, ב״ה, אפ אויף די פרומע תלמידים פון אנדערע ישיבות.

די נסיעה מיינע אין שיקאגא איז פאר מיר א גרויסע אנשטריינ־גונג און איך בין זעהר צופרידען צו טרעפען זיך מיט די שיקאגער און אומגעגענד רבנים נכבדים בע״ב ועסקני הכלל, פרעזידענטען פון שוהלען, וכפרט מנהיגי מוסדות הדת והצדקה וועלכע זיינען מיוסד ע״פ התורה.

איך וויל הערען א באריכט וואס איז געטאן געווארען וועגען

טהרת המשפחה ,שמירת שבת, באזונדערס אינטערעסירט מיך דער מצב החינוך אין די תלמוד־תורה׳ס.

* * *

**(הרבנים שליט״א מרציאים בעניני טהרת המשפחה, כשרות, שמירת שבת וחנוך)**

* * *

עס איז איבעריג צו אונטערשטרייכען וואס פאר א טרויעריגען רושם די הרצאת הרבנים איבער דעם מצב הדתי אין שיקאגא האט אויף מיר געמאכט. עס איז שוידערליך. נאך מעהר איז דער הארצוועהטאג, אז אין שיקאגא, וואס ב״ה דער מצב כבוד הרבנים והרבנות שטעהט אויף א בכבודיגען פלאץ, הן מצד מהותם העצמי פארדינען די שיקאגער רבנים דעם כבוד.

— עס זיינען דא נאך קהלות וואו די רבנים זיינען בארעכטיגט צו דעם, אבער ליידער האבען זיי דאס ניט —

און הן מצד דעם קהל עדת ישראל אין שיקאגא וואס האבען ב״ה א אזן שומעת, אויך די אידישע פרעסע אין שיקאגא איז גרייט צו העלפען די רבנים און עסקנים אין הרבצת התורה און חיזוק היהדות, און טראץ אלעם דעם ווערט, ליידער, זעהר ווייניג געטאן אויף דעם תורת און החזקת היהדות געביט.

די עזובה זעהט זיך אן אויף אלע געביטען פון דעם חיים הדתיים אין שיקאגא. די רבנים האבען זיך דא אויסגעדריקט אז די אידישע גאס איז חרוב און די אידישע הייזער זיינען צושמעטערט.

יע, די אידישע גאס איז חרוב און די אידישע הייזער זיינען צושמעטערט איז ניט קיין מליצה אויסדרוק. דאס איז ליידער די ריכטיגע באשרייבונג פון דעם מצב הדתי באשר הוא אין שיקאגא. און, ווי די רבנים אליין באצייכענען, ווערט עס ערגער מזמן לזמן.

די אלע הצעות תקונים אין הטבת מצב הדת אין שיקאגא וואס די רבנים האבען ארויסגעזאגט אין אונזער היינטיגער ועידה, זיינען אודאי זעהר ווערטפול און וועלען געווים בעזה״י ווירקען אויף דעם הטבת המצב הדתי. אבער נאך אלעם דעם זיינען די אלע זאכען וואס מען האט פארגעשלאגען מעהר ניט ווי פרטים, עס פעהלט דער עיקר הכל, דער יסוד וואס הכל תלוי בו.

דער יסוד הכל איז דער חינוך והדרכה, וואס אין דעם מהות החדר, תלמוד תורה און ישיבה איז תלוי דער גאנצער מצב הדתי פון כלל ישראל.

בא דעם מלמד און מלמדת, בא די פרינציפאלען און די פיהרער פון חדרים תלמוד תורה׳ס און ישיבות און ועל כולם בא דעם ועד החינוך אין די הענט — ליגט דער גורל פון דעם כלל ישראל לחיים דתיים אדער ר״ל למות דתי.

אין דעם, אין דעם רוח פון ועד החינוך, אין דעם מהות פון די מנהלי החדרים תלמוד תורה׳ס און ישיבות, אין דעם מהות פון די מלמדים און מלמדות — איז אפהענגיג דער מצב הדתי, ניט נאר פון די קינדער המחונכים והמחונכות, נאר טאקע דער מצב פון כלל ישראל.

וואס באדארף געטאן ווערען?

דער תורה און חינוך וועזען מוז איבערגעגעבען ווערען אין זי־כערע פעסטע יראת שמים הענט, וואס זאלען האבען די ריכטיגע הכרה אין חינוך הכשר. און קודם כל זאל אויסגעראמט ווערען דער אפיקורסים שמוץ וואס עס געפינט זיך אויף דעם חינוך געביט.

דער וועד החינוך באדארף איבערגעגעבען ווערען אין פעסטע יראת שמים הענט וואס זאלען וועלען און קענען אויסרייניגען די תלמוד תורה׳ס און די ישיבות הן פון דעם לעבעדיגען אפיקורסים שמוץ, פיהרער, מלמדים און מלמדות, און הן פון די ביכער אפיקורסים שמוץ, און אריינברייגען אין די תלמוד תורה׳ס און אין דער ישיבה א לעבעדיג ליכט פון יראי אלקים אידען אלס פיהרער, מלמדים און מלמדות און כשר׳ע חינוך ספרים.

דאס מוז באלד און ערנסט געטאן ווערען. אויב חלילה ניט וועט דער חורבן גרעסער ווערען.

די רבנים מוזען אפען קלאהר דערקלעהרען דעם קהל עדת ישראל אין שיקאגא דעם אומגליקליכען חינוך צושטאנד, און ווארענען די על־טערען פון די שול קינדער, אז די מחללי שבת פרינציפאלען, מלמדים און מלמדות פיהרען זייערע שול־קינדער צום שמד.

איהר, רבנים, טראגט די פולע אחריות פאר דעם מצב החינוך. איהר באדארפט וויסען אז יעדער טריפה׳ר חינוך חלל, איינגעל אדער מיידעל, וואס געהט אוועק צו די מיסיאנערען, איז א קרבן פון אייער נאכסעליגקייט און פאליטיק טרייבערייי אויף דעם חינוך געביט.

ר ב נ י ם! זייט שטרייננג ערנסט צו דעם אייגענעם קאנטראל און ערפילט אייערע רבנישע פליכטען לויט די פולמאכטען וואס די תורה האט אייך געגעבען.

---

**מאמר ב.**

## בס״ד, ד׳, י׳ שבט, תש״ב.

**יא״צט כבוד אמי זקנתי הרבנית הצדקנית מרת רבקה נ״ע זי״ע.**

**אין** עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש. בעדארף מען פארשטיין וואס מיינט מען כובד ראש. רש״י זאגט אז כובד ראש מיינט הכנעה ושפלות. דער ענין פון הכנעה איז שייך מער אויף א גשמיות׳די־קער זאך און שפלות איז מער אויף א רוחניותדיקער זאך. הכנעה און שפלות האבען פארשיידענע סבות וועלכע ברייגנען זיי ארויס. די סבה פון הכנעה איז שבירת הגוף והחומר. ווען איינער ווערט ר״ל צובראכען פון גופניותדיקע זאכען ווי למשל פון קינדער, פרנסה אדער געזונט ווערט ער א נכנע. ווי מיר זעהען במוחש אז אפילו דער וועלכער איז בטבעו

אַ שטאַרקער מענש און האָט אין זיך געבאָרענע שטאַרקייט. שטאַרקייט איז ניט קיין מדה טובה און ניט קיין מדה רעה, נאָר איז מער מדה טובה ווי חלישות. פאַראַן אַזעלכער וועלכער איז בטבע החלישות, אַ שוואַכער מענש, וואָס די שוואַכקייט איז ניט אין אברי הגוף אַז ער איז אַ שוואַכער בטבעו נאָר די שוואַכקייט איז ברוחו. ווען למשל ער וויל אַ זאַך איז דאָס אַ שוואַכער ווילן און דערום איז הגם ער וויל די זאַך קען פונדעסטוועגען זיין ער זאָל די זאַך ניט טאָן, און אפילו אויב ער זאָל דאָס יאָ טאָן איז דאָס זייער שוואַך, אָדער למשל פאַרקערט ער וויל די זאַך ניט איז זיין ניט ווילן אַ שוואַכער און הגם ער וויל ניט די זאַך איז לייכט צו פועלן בא אים ער זאָל די זאַך יאָ טאָן. און אַזוי איז אין אַלץ איז ער זייער שוואַך, יע און ניט זיינען ביי אים גלייך, נאָר דער גלייך פון יא און ניין זיינען בא אים ניט מצד זיין פאַרשטאַנד נאָר מצד חלישות הטבע. מצד זיין פאַרשטאַנד פאַרשטייט ער גאַנץ גוט אַז די זאַך בעדאַרף מען ווען און יענע זאַך בעדאַרף מען ניט ווען, נאָר מצד חלישות הטבע איז ער שוואַך, הן צו טאָן דאָס וואָס ער וויל און הן ניט צו טאָן דאָס וואָס ער וויל ניט. אָבער דער וואָס פאַרמאָגט דעם מדת התוקף איז דאָס וואָס ער וויל וויל ער מיט אַ שטאַרקייט און דאָס וואָס ער וויל ניט וויל ער ניט מיט אַ שטאַרקייט. וואָס די מדות תוקף און חלישות זיינען נאָר מדות משרתים, אויספיר מדות, זיי זיינען נאָר באַדינער בא זאכן וועלכע ווערן דורך זיי אויסגעפירט. מדות אהבה און יראה זייגען זעלבסטשטענ־דיגע מדות, אָבער שטאַרקייט און שוואַכקייט זיינען נאָר אויספיר מדות. איז אין די צוויי מדות תוקף און חלישות איז תוקף מער מדה טובה פון חלישות, ווייל חלישות איז אפילו ווען ער טוט יא וואס מען בעדאַרף טאָן איז דאָס אָבער מיט אַ חלישות, אָבער תוקף איז ווען ער טוט וואָס מען בעדאַרף טאָן איז דאָס מיט אַ שטאַרקייט. איז דער מענש ווענען השי״ת האָט געגעבן די טבע התוקף, אַ געבאָרענע שטאַרקייט, וואָס אין אַלע זיינע ענינים פירט ער זיך מיט אַ גרויסער שטאַרקייט, איז ווען ר״ל וח״ו השי״ת צוברעכט אים אין גשמיותדיקע זאכן, ווי למשל אָרעמקייט אָדער קרענק, ווערט ער אַ נכנע.

קצור. הכנעה איז צובראָכענקייט און שפלות איז אראָפגעפאַלענקייט, זיינען דאָס צוויי כחות פון נפש וואָס קומען פון צוויי בעזונדערע סבות. די סבה פון הכנעה איז צובראָכענקייט פון גשמיותדיקע זאכן, בני חיי ומזוני, אפילו דער וואס איז בטבע אַ שטאַרקע נאַטור, וואָס אין געוויסע ענינים איז תוקף אַ מעלה גדולה, איז ווען השי״ת צוברעכט אים ח״ו אין גשמיות ווערט ער אַ נכנע.

די סבה פון שפלות איז אויך דער ענין פון שבירה, צובראָכענקייט, אָבער ניט פון שבירת הגוף והחומר, וואָס דאָס איז דאָך אַ שבירה גשמיות וואָס ברייגגט דעם ענין פון הכנעה. ווי דער מיטעלער רבי האָט געזאָגט אַז אַ עני ואביון בעדאַרף ניט האָבן קיין התבוננות אין זיין לאַגע, נאָר תיכף ומיד ווי ער דערמאָנט זיך אויף זיין דלות אָן קיין

שום איבערלעגונג און פארטיפונג וויינט ער זיך פארנאנדער פון טיפן הארצן מיט א גרויסע פארביטערטקייט, און ער ווערט א נכנע בגופו, וואס די הכנעה איז ניכר אין אלע זיינע תנועות. אבער די שבירה וועלכע איז די סבה פון שפלות איז ניט קיין גשמיותדיקע שבירה נאר א רוח־ניותדיקע, וועלכע צוברעכט אים אז ער ווערט בא זיך בתכלית השפלות, אז ער ווערט בא זיך נידעריגער פון אלעמען, אז יעדער אפילו א איש פשוט איז אויך מער מענש פאר אים. דאס הייסט אז א חוץ דעם וואס ער זעט דעם טוב פון צווייטן און דעם לא טוב פון זיך, איז ער מגדיל דעם צווייטנס טוב און זיין לא טוב, און פארטיפט זיך אין דעם און דער־פון ווערט ער זייער צובראכן און בתכלית השפלות. וואס אין גוף איז די דאזיקע אראפגעפאלענקייט ניט ניכר. ווי בא דעם ענין הכנעה, נאר עס איז א אראפגעפאלענקייט ברוח, אז ער ווערט אין א מצב פון נמיכת הרוח. וואס דער ענין פון נמיכת רוח איז מרירות, ער ווערט פארבי־טערט. עס איז דא עצבות, פאראומערט אבער דאס איז א מדה רעה און ברייגנט ניט קיין תועלת אדרבא עצבות מאכט קאליע, ווייל ווען דער מענש איז אין עצבות פעלט אים מוט אויף צו טאן, און בדרך ממילא פאלט ער אריין אין יאוש אז מען קען גארניט טאן און בלייבט אין א מצב לא טוב. אבער מרירות ווען ער איז פארביטערט פון זיין שלעכטן מצב רוחני, איז די אראפגעפאלענקייט אין רוח וואס אין גוף איז דאס כלל ניט ניכר, אדרבא עס קען טרעפן אז מצד הגוף איז ער גאר ווי געווענליך דאס הייסט אז מצד הגוף איז ער גאר ניט קיין נכנע און די שפלות איז נאר אין רוח, וואס דער אונטערשייד אין עבודה איז, אז דער ענין הכנעה וואס קומט מצד שבירת הגוף איז דאן די עבודה אין ענינים פון פועל ממש, אז הן אין קיום המצות און הן אין הנהגה פון מדות טובות איז דאס אלץ אין פועל, אז ער איז מהדר אין יעדער מצוה צו טאן איר אין דער צייט כדין וכהלכה ובהידור, אויך אין מדות איז ער א בעל מדות טובות און איז מהדר אין דעם. אבער די עבודה מצד השפלות וועלכע קומט בסבת שבירת הרוח איז ניט נאר אין עבודה בפועל אליין. דאס הייסט אז א חוץ דעם וואס דער קיום המצות און הנהגה במדות טובות איז גאר אין אן אנדער אופן מיט א חיות, איז די עבודה זיינע אויך אין ענינים פון פארשטאנד, השגות אלקות, געטליכע פארשטאנדען, וואס די צוויי זאכן הכנעה און שפלות דאס זיינען דער כובד ראש וואס דארף זיין פארן דאווגען.

**קיצור**. שפלות איז נאך א גרעסערע צובראכענקייט ווי הכנעה אבער די סבה דערפון איז ניט שבירת החומר נאר שבירת הרוח, ער איז פארביטערט און אראפגעפאלען פון זיין רוחניות'דיגען מעמד ומצב, ער פילט אז יעדערער אפילו גאר דער פשוטער איז בעסער פאר אים. עצבות איז א מדה רעה וואס ברייגנט צו יאוש, הכנעה איז א עבודה וואס ברייגנט צו קיום התורה ומצות און הנהגה במדות טובות, מרירות ברייגנט א לעבעדיקייט אין תומ"צ ומדות טובות.

און דאס איז דער ענין פון כובד ראש. וואס הגם הכנעה און שפלות זיינען צוויי אופני עבודה, אבער עס איז בהכרח צו זאגען אז ביידע, הכנעה און שפלות, האבען איין סבה וועלכע ברייגנט צו הכנעה און שפלות, און הגם די סבה איז איינע דאך איז בהכרח צו זאגן אז יעדע פון זיי, הכנעה און שפלות, האט א מקור פרטי אין דער סבה. הכנעה האט זיך איר מקור אין דער סבה און שפלות האט איר מקור אין דער סבה. וואס די מקורים הפרטים פון הכנעה און שפלות זיינען די באזונדערע פרטים וואס זיינען אין דעם מהות פון דער סבה. די סבה פון כובד ראש זיינען די עבודות וועלכע זיינען א הקדמה און הכנה צו עבודת התפלה. וואס עבודת התפלה איז א עבודת הלב, ווי עס שטייט ולעבדו בכל לבבכם זאגען רז״ל איזהו עבודה שבלב זוהי תפלה, די עבודה פון תפלה איז א הארץ עבודה, ווייל דער מיין אין דער עבודה אין תפלה איז א חוץ די תחנונים אז השי״ת זאל געבען א שפע ברכה אין בני חיי ומזוני אז מען זאל קענען זיין א עובד השי״ת במנוחה, איז דער מיין אין עבודת התפלה צו פועל זיין א בעסערקייט אין זיין מצב הרוחני, הן אין עניני השכל, אז בא אים זאל ווערען א חיזוק אין פאר־שטאנד, פארשטיין א השגה אלקית אז די השגה זאל ווירקען אויף זיינע מדות, און הן אין דעם פועל ממש פון קיום המצות, און אז די הנהגת המדות זאל זיין זייער גוט, איז אזא עבודה אין תפלה בעדארף האבען א הקדמה און הכנה, וואס די הכנה און הקדמה הויבט זיך אן פון קריאת שמע שעל המטה וואס מען זאגט פאר׳ן שלאפען גיין, וואס די קריאת שמע שעל המטה פון דעם פארגאנגענעם טאג איז דער אנהויב הכנה פון דער עבודת התפלה פון דעם קומענדיגען טאג. די עבודה פון קריאת שמע שעל המטה איז דער חשבון הנפש וואס דער מענש בעדארף מאכען צוליב וואס השי״ת האט אים געשיקט אויף דער וועלט און ווי ער פירט אוים אט די דאזיגע שליחות, און בערעכענט זיך אויף וואס איז בא אים אוועקגעאנגען דער טאג, ווי עס בעדארף צו זיין ע״פ הנהגה פון תורה אז די ערשטע מחשבה ודבור פון דעם מענשען ווען ער כאפט זיך אויף פון שלאף דארף זיין אין עבודת השי״ת, וואס דערום זאגט מען מודה אני לפניך וואס דאס איז די הודאה כללית וואס דער מענש בעדאנקט השי״ת פאר וואס ער האט אים אומגעקערט די נשמה מיט גרויס חסד. וואס די הודאה דארף מען זאגען באלד ווי מען כאפט זיך אויף פון שלאף נאך איידער מען וואשט די הענט, און נאכדעם בעדארף מען זיך עוסק זיין אין עבודת הבורא, יעדער סוג מענש לפי ערכו, בני תורה בעדארפען לערנען, אנשים פשוטים וועלכע קענען ניט לערנען בעדארפען זאגען תהלים און דאווגען בצבור במתינות, און פאר׳ן דאווגען דארף מען אויף זיך מקבל זיין די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך, און אין די בקשות ותחנונים פון דאווגען בעדארף דער מענש בעטען השי״ת אז ער זאל אים מזכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון אהבת ישראל בפועל ממש און בהידור, און נאכ׳ן דאווגען איז ער עוסק במסחרו בעדארף דער משא ומתן זיין באמונה און דארף האבען זמנים קבועים אויף לערנען תורה

יעדען טאָג און דאווגען מנחה און מעריב בצבור און מתנהג זיין זיך במדות טובות, אָט דאָס איז דער סדר הנהגה ווי דער מענש דארף זיך פירען דעם גאנצען טאָג ווי ע״פ התורה איז.

קצור. הכנעה און שפלות זיינען צוויי פרטים אין כובד ראש וואס איז א הכנה צו תפלה, דער תכלית פון ירידת הנשמה בגוף איז די עבודת הבורא אין תורה ומצות, תפלה בצבור, מדות טובות. די בקשות אין תפלה בעדארפען זיין אז עס זאָל זיין א שפע ברכה בגשמיות, אַז מען זאָל זוכה זיין צו זיין א עובד השי״ת און האָבען אהבת ישראל, די הכנה צו תפלה איז קריאת שמע שעל המטה, דער בערעכענען זיך וואָס איז די כוונה עליונה אין דעם וואָס ער איז בעשאַפען געוואָרען.

און ווען דער מענש בערעכענט זיך אין דעם סדר ווי אזוי ער בעדארף זיך פירען און ווי אזוי ער פירט זיך און אין וואָס איז בא אים אוועק דער טאָג, אז שוין באלד ביים אויפכאַפּען זיך זיינען אים שוין באַפאַלען די דאגות היום, הגם ער האָט געזאָגט מודה אני האָט ער אָבער ניט געהערט דעם טייטש פון די ווערטער און על פי שכלו איז בא אים אויסגעקומען אז צוליב פרנסה און מסחר מוז ער וואָס פריער אוועק אין גאָס צו זען זיך מיט פארשידענע מענשען, און לרגלי המסחר האָט ער געטאָן כדרך התגרים, דעם האָט ער געזאָגט אזוי און דעם צווייטען האָט ער געזאָגט אַנדערש, הגם ער האָט זיך געהיט פון זאָגען א שקר גמור אָבער דאָך האָט ער זיך ניט אפגעהיט, אויך איז ער געווען מוכרח צו הערען דברים בטלים אין וועלכע עס איז געווען א תערובות פון אבק לשון הרע און צוליב דעם האָט ער ניט געקענט משתתף זיין זיך צום קביעות השיעור וואָס מען לערענט נאָכ׳ן דאווגען, און זיין דאווגען איז געווען פול מיט מחשבות זרות פון וועלכע ער האָט ניט געקענט פטור ווערען און ביגיעה עצומה האָט ער געקענט הערען פירוש המלות, און דאָס אויך אָן קיין שום חיות, ווייל די מחשבות זרות האָבען אים כסדר מבלבל געווען, און ער בערעכענט זיך גוט אין די אלע ענינים פון טאָג ווי ער איז נכשל געוואָרען כמה פעמים אין שקר רכילות ולשון הרע און די ריבוי דברים בטלים וועלכע ער האָט גערעט, וואָס אויף דעם קומט דער עונש פון כף הקלע ווי עס שטייט אין ספרים אז נאָך אריכות ימים פון א מענשען זיינען פאראן צוויי עונשים נאָך איידער דער עונש פון גיהנם. איין עונש איז חיבוט הקבר און דער צווייטער איז כף הקלע וואָס מען ווארפט דעם נפש מסוף העולם ועד סופו, ווי למשל אין גשמיות א בגד וועלכער איז פול מיט פלעקען און שטויב בעדארף מען אים אויס־וואשען אָדער מיט קאלטע אָדער מיט הייסע וואסער אויף ארויסצונעמען די פלעקען, נאָר פריער מוז מען אים אויסטרייסלען און אויסקלאפען דעם שטויב און דערנאָך וואשט מען אים. אָט אזוי איז אין נפש אז איידער מען גייט אין גיהנם — של אש אָדער של שלג — טרייסעלט מען דעם נפש אוים אין כף הקלע אויף ארויסצוטרייסלען די אותיות פון דברים

בטלים וועלכע דער מענש האט גערעט. און ווען דער מענש בערעכענט זיך אין דעם אלץ וואס מיט אים טוט זיך אז ער איז אזוי דערווייטערט פון דער כוונה העליונה וואס צוליב דעם האט השי"ת זיין נשמה געשיקט אויף דער וועלט, ווערט ער דאן זייער ערוועקט מיט א שטארקער התעוררות און וויינט פון טיפען הארצען אויף זיינע שטארקע גראבקייט וואס ער ציט זיך צו ענינים גשמים מיט אזא שטארקע איבערגעגעבענ־קייט און זיין הארץ קרענקט אויף דעם וואס ער איז ניט קיין כלי צו רוחניות, דאס הייסט צו א השגה אלקית, און אט פון דער התעוררות ווערט בא אים א הסכם חזק אז פון איצט אן זאל ער זיך מתנהג זיין נאר ווי די הנהגה וואס ע"פ תורה. און דאס איז די עבודה פון ק"ש שעל המטה צו מאכען א חשבון צדק אין זיין מצב הרוחני וואס דאס איז א הכנה צו דער עבודה פון תפלה, וואס פון דעם ווערט די הכנעה ושפלות אין דעם כובד ראש וואס קודם התפלה.

**קיצור**. די עבודה פון ק"ש שעל המטה איז דאס וואס דער מענש בארע־כענט זיך אין זיין סדר החיים אז דער עיקר איז בא אים די גשמיות, טרדת הפרנסה דער רבוי דברים בטלים וואס ער רעט און הערט, שקר רכילות און לשון הרע, דאוועגט ניט בצבור, זיינע תפלות זיינען פול מיט מחשבות זרות וואס דערפאר וועט ער באשטראפט ווערען מיט חיבוט הקבר און כף הקלע.

**נאכ'ן** חשבון צדק וואס דער מענש מאכט בא זיך אין קריאת שמע שעל המטה און זאגט די וידוים פון על חטא און דעם וידוי וואס מען האט פוגם געווען, אנגערירט אין די אותיות פון די הייליגע שמות הוי' אד', זאגט מען בידך אפקיד רוחי פדית אותי הוי' אל אמת. די דריי ווערטער בידך אפקיד רוחי איז ר"ת באר. באר איז א ברונים, עס איז דא בור — א גרוב — און באר — א ברונים — וואס ביידע — בור און באר — זיינען פלעצער אויף וואסער, נאר דער אונטערשייד צווישען זיי איז, אז בור איז א גרוב וואו מען זאמעלט וואסער, און באר איז א גרוב וואו די וואסער קומט פון קוואלען וועלכע זיינען דא אין דער ערד. דאס הייסט אז הגם בור און באר קומען ביידע דורך דער ארבעט פון דעם מענשען, דאך שיידען זיי זיך אונטער, אז בור איז מער ניט ווי אנגע־זאמעלטע וואסער און באר איז א קוואל וואסער, נאר דער מענש מוז אראפנעמען די ערד אדער אנדערע זאכען וועלכע פארדעקען אויף די קוואל שליסלען און דאן קווועלט די וואסער פון זיך אליין. און דערום זאגט מען אין קריאת שמע שעל המטה דעם פסוק בידך אפקיד רוחי וואס דאס איז ר"ת באר, אז די נשמה איז באנאכט בשעת'ן שלאף אין דער מדריגה פון באר, ווי די רז"ל זאגען אז בשעת דער מענש שלאפט גייט די נשמה ארויף למעלה אויף אננעמען זיך לעבען, איז ווען דער מענש האט דעם טאג געדאווענט באריכות, געלערענט און עוסק געווען זיך אין קיום המצות און מדות טובות ווי עס בעדארף צו זיין, דאן נעמט

מען אריין די נשמה אין איינעם פון די ישיבות, אין די היכלות של מעלה, און מען לערענט מיט איר תורה און מען גיט איר מער פארשטענדעניש און חיות אין עבודת הוי'. אבער ווען אין דעם טאג האט זיך דער מענש ניט עוסק געווען אין עבודת הוי' נאר געווען פארנומען מיט מסחר משא ומתן און האט זיך ניט אפגעהיט פון דבורים אסורים רכילות ולשון הרע און בפרט דברים בטלים וקנאה, דאן איז בשעת'ן שלאף ווען די נשמה קומט למעלה גיט מען איר איבער אין רשות פון די מלאכים וועלכע ווערען בעשאפען פון די דבורים אסורים, רכילות לשון הרע קנאה און דברים בטלים, און די מלאכים פירען אום די נשמה און בעווייזען איר אויסגעטראכטע זאכען וואס איז א גרויסער צער פאר דער נשמה, ווארום ווען די נשמה איז למעלה און זעט ווי אנדערע נשמות פירט מען לערנען אין די ישיבות אין די היכלות און איר גיט מען איבער צו מלאכים וועלכע זיינען בעשאפען געווארן פון דבורים אסורים זיי זאלען זי ארומפירען אין תהו ובהו, איז א חוץ דעם גרויסען צער פון דער נשמה איז דאס פאר איר א גרויסע חרפה ובושה. און דערום זאגט מען בידך אפקיד רוחי ר"ת באר, דאס מיינט מען די נשמות וועלכע זיינען זיך עוסק אין עבודת הוי' בייטאג און ביינאכט זיינען זיי במדריגת באר, אבער די וועלכע זיינען ניט עוסק אין עבודת הוי' איז ווען זיי טוען תשובה אין ק"ש שעל המטה איז דאן פדית אותי, דורך תשובה לייזט השי"ת אויס די נשמה פון די מלאכים רעים און זי איז זוכה צו לערנען תורה אין איינע פון די ישיבות, וואס דורך דער עבודה אין ק"ש שעל המטה וואס דאס איז אן עבודה אין גוף ונפש איז פון דעם ווערט די הכנעה ושפלות אין דעם כובד ראש וואס קודם התפלה.

**קיצור.** דער חשבון הנפש פון ק"ש שעל המטה מאכט א גרויסע התעוררות אין דעם מענשען, אז ער זאגט דעם על חטא מיט א גרויסע ערוועקונג פון טיפען הארצען. בשעת דער מענש שלאפט גייט די נשמה ארויף למעלה אנצונעמען פרישע נשמה כחות, דאן איז לויט ווי דער מענש פירט זיך באטאג אט אזוי פירט מען די נשמה למעלה בא דער נאכט, אדער אין עולם התהו אדער אין די היכלות פון מתיבתא דרקיע.

———●———

## דברי כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

**— לתלמידי הת"ת —**

איהר, קינדער, וואס לערנען אין די תורה טרייע כשר'ע תלמוד תורה'ס וועלכע ווערען אנגעפיהרט פון גוטע און פרומע מורים און מורות — באדארפט וויסען אייער פארנעהם בא אייערע עלטערען, בא אייערע פאמיליעס און ביים אידישען פאלק.

איהר, קינדער, זייט די אויסגעוועהלטע פון ג־ט ב"ה צו זיין די ערבים (גאראנטען) אויף דעם הייליגען אפמאך וואס ג־ט ב"ה האט מיט אונזערע עלטערען און מיט אונז אלעמען געמאכט פאר מתן תורה.

בעפאר ג־ט ב"ה האט געגעבען די אידען זיין הייליגע תורה האט ער געפאדערט ³⁶) בא די אידען זיי זאלען געבען ערבים, וועלכע זאלען גאראנטירען אז אידען וועלען לערנען די תורה און אויספאלגען וואס די תורה הייסט טאן און ניט טאן.

די אידען האבען פארגעלייגט פארשידענע ערבים, אבער ג־ט ב"ה האט זיי ניט אנגענומען. ענדליך האבען די אידען פארגעלייגט אז די קליינע קינדער זאלען זיין די ערבים און האבען געזאגט צו ג־ט ב"ה אונזערע קליינע קינדער וועלען זיין אונזערע ערבים וואס וועלען גאראנטירען אז מען וועט לערנען די תורה און אויספאלגען אלעס וואס די תורה הייסט יע טאן און ניט טאן.

איהר, קינדער, באדארפט זיין זעהר שטאלץ מיט דעם גרויסען צוטרוי וואס ג־ט ב"ה האט אייך צוגעטיילט, באדארפט פלייסיג לערנען און גוט אויפפיהרען זיך, הערען און אויספאלגען אלעס וואס אייערע מורים און מורות זאגען אייך, האבען דעם גרעסטען רעספעקט פאר פרומע לייט און בני תורה און אפגעבען כבוד אייערע עלטערען.

ג־ט ב"ה זאל אייך שטארקען די הערצער אויף צו וועלען און קענען לערנען. איהר זאלט אפהיטען און מקיים זיין די מצות מעשיות, אייערע עלטערען זאלען אייך דערציהען לתורה חופה ומעשים טובים.

## דברי כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

**— אל המורים והמורות —**

איהר, מורים ומורות, באדארפט אלעמאל געדיינקען וואסערע אוצרות מען האט איבערגעגעבען אויף אייערע הענט. אלע מאטעריעלע אוצרות, גאלד עדעלשטיינער און די שעהנסטע קונסט ווערק, זיינען גארנישט — לגבי די אומשאצבארע ג־ט'ס ב"ה מתנה אוצרות וואס די עלטערען פון די קינדער האבען איבערגעגעבען אויף אייערע הענט. יעדער קינד אן אונטערשייד פון געשלעכט און שטאט איז דער גרעסטער אוצר ניט נאר בא זיינע עלטערען און פאמיליע, נאר אויך בא דעם כלל ישראל.

---

36) תנחומא ויגש, שה"ש רבה עה"פ משכני אחריך.

ג-ט ב"ה דריקט זיך אויס אין זיין הייליגער נבואה צו ישעי׳ הנביא [37]) באצייכענענדיג דעם עם ה׳, די אידען, מיט׳ן נאָמען כרם -- פרוכט גאָרטען.

אידען זיינען כרם ה׳, ג-ט׳ס ב"ה פרוכט גאָרטען. ווי וואונדערליך שעהן דער נאָמען געטליכער פרוכט גאָרטען קלינגט, און ווי איינדרוקספול דער נאָמען געטליכער פרוכט גאָרטען פּאַסט צו דעם עם ישראל. עס איז אזא זעלטען צוגעפּאַסטער פאר דעם עם ישראל נאָמען, וואָס נאָר השי"ת קען אזא נאָמען געבען.

א פרוכט גאָרטען האָט פארשידענארטיגע פרוכט וועלכע זיינען אָפּגעטיילט איינע פון די צווייטע מיט זייער הויך, צווייגען, בלעטער און פּירות. די פּירות זיינען פארשידענארטיג אין זייער אויסזעהן, ריח און טעם און אויך אפילו מיט זייער שאָלעכץ.

די וואָס האָבען א ידיעה אין חכמת הצמחים — באָטאָניק — ווייסען וויפיל יגיעה מען באדאַרף האָבען צו פארפלאנצען א פרוכט גאָרטען און וויפיל אויפמערקזאַמקייט מען באַדאַרף לייגען אויף יעדער קליין בוימעלע זי זאָל זיך צונעהמען און זאָל וואקסען גלייך, אויף אָנטרינקען אין צייט און באַשיצען פון פארשידענע ווערים און שלעכטע ווינטען.

יאָהרען לאַנג ארבעט שווער דער גערטנער ביז ער דערלעבט אז די קליין בוימעלע וואָקסט אויס אַ שטאַרקע און געזונטע בוים, וואָס גיט די ריכטיגע גוטע פרוכט לויט איהר באַרוף. אָבער דאַן, ווען די בוים גיט איהר פרוכט באַקומט דער גערטנער זיין באַפרידיגונג, וויסענדיג אז זיין יאָהרענלאַנגע שווערע ארבעט איז געקרוינט מיט א אריכות ימים׳דיגע גוטע פרוכט געבונג.

אידען זיינען דער געטליכער פרוכט גאָרטען און איהר, מורים ומורות, זייט די גערטנער. איהר באַדאַרפט אויסרייניגען די גערטנער פון די אפּיקורסישע שטיינער און שמוץ. איהר באדארפט שווער ארבעטען אויף צו פלאַנצען די קליינע פרוכט בוימעלעך אין דעם געטליכען פרוכט גאָרטען. איהר דארפט אָנווענדען אלע אייערע קענטעונישען, פאַרשטאַנד און קראָפט אויף די פלאַנצונגען, אַז זיי זאָלען זיך גוט צונעהמען. איהר באַדאַרפט די קליינע שוואכע בוימעלעך גוט איינבינדען, אז די שלעכטע ווינטען זאָלען זיי ניט אויסקרימען. איהר מוזט געבען אייער גרעסטע אויפמערקזמקייט אויף צו באַשיצען זיי פון די אפּיקורסישע ווערים און פון די שמד מזיקים.

אייער, מורים ומורות, גערטנערישע ארבעט פאָדערט פאַרשטאַנד און קראָפט מיט אַ געוויסער מסירת נפש איבערגעבונג. אָבער דערפאר וועט איהר האָבען אייער מאָראלישע גייסטיגע באַפרידיגונג, ווען איהר וועט בעזה"י זעהען, אז אייערע קליינע פלאַנצונגען וועלען ווערען גרויסע געזונטע גוט פארצווייגטע בוימער, וועלכע גיבען די בעסטע בא׳טעם׳טע פרוכט און באַשיינען דעם געטליכען פרוכט-גאָרטען.

---

37) ישעי׳ ה׳.

מיט דעם גורל פון די אידישע שול-קינדער איז אויך פארזיגעלט דער גורל פון זייערע עלטערען און דער גורל פון כלל ישראל — און דאס אלץ איז אין די הענט פון די מורים ומורות.

איהר, מורים ומורות, באדארפט וויסען די גרויסע פאראנטווארט-ליכקייט וואס איהר טראגט פאר דעם גורל פון דעם כלל ישראל.

דער רעליגיעזער מאראליש גייסטיגער לעבען און טויט פון דעם כלל ישראל איז בא אייך אין האנט. ווען מורים און מורות פיהרען א כשר'ן חינוך דאן זיינען די תלמוד תורה'ס וואו מען לערענט און מען דערציהט די קינדער בדרך התורה והמצוה הייליג און טייער. ווען מורים ומורות זיינען מחללי שבת און פיהרען א טריפה'ן חינוך דאן זיינען די תלמוד תורה'ס שמד הייזער, און די אנפיהרער א כתם טמא אויף דעם אידישען פאלק.

די פיהרער מורים ומורות פון דעם חינוך הכשר זיינען דער שטאלץ פון דעם עם ישראל.

ברוכים תהיו.

---

## דברי כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

### — להנהלת ביהכ"נ ות"ת —

(די קאמיטע פון קאנגרעגיישאן א. ל. האבען געבראכט זייער בישטייערונג פאר דעם קאמפיין. דער פרעזידענט פון שוהל מר. ב. שי' און די חברי הקא-מיטע פרעגען כ"ק אדמו"ר שליט"א צי ער איז צופריען פון זייער — לפי ערכם — פיינע באשטייערונג פאר דעם קאמפיין. כ"ק אדמו"ר שליט"א האט געענטפערט:)

איך וואלט וועלען בעסער זיין צופרידען פון אייער מצב הרוחני ווי פון די גשמיות. דאס — געלט פאר די ישיבות — דארף מען און רוחניות מוז מען.

עס איז א גרויסער אונטערשייד פון דארפען ביז מוזען.

גשמיות דארף מען, רוחניות מוז מען.

איך האב געהערט אז אין אייער תלמוד תורה לערענט מען קיצור חומש. איך פרעג אייך: אייך האט מען אויך אזוי געלערענט?

ווי דערלויבען זיך אידען צו האלטען אין האנט א חומש, וואס די אפיקורסים האבען איהם געפאלמעסט, און פון דעם חומש לערענט איהר אייערע קינדער.

מיינט ניט אז די אפיקורסים האבען מעהר ניט ווי דעם חומש פארקירצט. מיט דעם פארקירצען זיי אידישע קינדערשע יאהרען און געבען זיי איבער צו די מיסיאנערען.

אלע אידען באדארפען וויסען אז די תלמוד תורה'ס וואו מען לערענט קיצור חומש און די איבעריגע אפיקורסישע ספרי טומאה און די פרינציפאלען מורים און מורות זיינען מחללי שבת און אוכלי טריפות, זיינען יענע תלמוד תורה'ס שמד הייזער, וואו מען ברייננט אידישע

קינדער צו שמד. און די עלטערען פון די קינדער איז — נאך הונדערט און צוואנציג יאהר — וועלען זיי ליגען אן א קדיש און אן א יזכור.

**(די קאמיטע האט זיך פארענטפערט אז זיי האבען דאס ניט געוואוסט. דעם פראגראם מאכט דער ועד החינוך און דער ועד החינוך זאגט אז דעם ערשטען יאהר באדארף מען לערנען דעם קיצור חומש מיט די קינדער, פאר זיי איז אזוי בעסער אנפאנגען מיט קיצור חומש).**

דער ועד החינוך וואס נעהמט אריין אין זיין פראגראם קיצור חומש און אנדערע אפיקורסישע ספרי טומאה — איז מעביר אידישע קינדער על דת ישראל. מען מוז זיי באזייטיגען אן קיינע פשרות. אזעלכע אומפאראנטווארטליכע מענשען טארען ניט האבען און האבען ניט קיין צוטרוי אויף אידישע דערציהונג. אזא ועד החינוך איז טריף.

איהר, גבאים און פיהרער, פון דער תלמוד תורה דארפט תשובה טאן. אומוויסענדערהייט האט איהר פאראומגליקט אידישע נשמות און פאראומרייניגט מיט מינות. זייט מטהר אייער ביז איצטער טריפה תלמוד תורה. ראמט אוים אוןווארפט ארוים דעם אפיקורסישען שמוץ. טרייסעלט זיך אפ פון דעם אומפאראנטווארטליכען ועד החינוך, און גיט איבער די תלמוד תורה אין זיכערע יראת שמים הענט, וועט אייך השי"ת פארגעבען אייער גרויסע שוגג עבירה און איהר וועט זיין באגליקט מיט גוטע תלמידים.

ברוכים תהיו.

---

## קטע משיחת כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

### — ש"ק פ' בשלח יג שבט, ה'תש"ב, שיקאגא —

דער מהר"ל מפראג איז געווען דער גרויסער עילוי פון זיין צייט, א גאון הגאונים אין נגלה נסתר און חקירה, א בעל חוש אין נגינה, א בעל כשרון אין אלע חכמות, א בעל מדות טובות און ועל כולם א מחנך און מדריך נפלא, וואס האט געהייליגט און איינגעקריצט בא דעם כלל ישראל מנהגי ישראל.

דער עלטער זיידע, דער רבי דער צמח צדק, דערצעהלט, אז זייענדיג נאך א קליין קינד האט ער געהערט פון זיין זיידען — אדמו"ר הזקן — אז ווען ער איז געווען א קליין קינד האט איהם זיין עלטער זיידע, הגאון ר' משה פויזנער, דערצעהלט אז זיין פאטערס עלטער זיידע, דער מהר"ל מפראג [38], האט קובע געווען א מנהג אז די וואך פרשת בשלח פלעגט ער הייסען אלע מלמדי דרדקי און אלע עלטערן וואס האבען קליינע קינדער פארזאמלען די קינדער שבת שירה אויפ'ן שוהל-הויף.

היינט — פלעגט דער מהר"ל זאגען — איז שבת שירה און פלעגט הייסען די מלמדים דערצעהלען די קינדער דעם ספור פון קריעת ים סוף, ווי די פייגעלעך האבען געזונגען און געטאנצט בשעת משה און אלע אידען, מענער און פרויען, האבען געזונגען די שירה אז ישיר און די קליינע קינדערלעך האבען געריסען פירות פון די ים בוימער און געשפייזט די זינגענדיגע און טאנצענדיגע פויגעלעך.

דער מהר"ל פלעגט הייסען געבען

38) ראה „היום יום" — שלשלת היחס.

די קליינע קינדער קאשע, זיי זאלען ווארפען פאר די הינער[39]) און פייגעלעך, א זכרון צו די ים פירות וואס די קליינע קינדערלעך האבען געשפייזט די פייגעלעך. נאכדעם פלעגט דער מהר״ל בענשען אלע קינדערלעך, אויך די עלטערען אז זיי זאלען דערציהען זייערע קינדער לתורה חופה ומעשים טובים.

דער רמ״א — דערצעהלט דער עלטער זיידע דער רבי צמח צדק — האט געקושט דעם מהרל׳ס פינגער, וואס האבען נאך אין דער יוגענט געשריבען די הייליגע ספרים, וועלכע האבען דערוועקט טויזענטער צו תשובה און בעוויזען א דרך אין לימוד התורה ביראת שמים און עבודת השי״ת. דער מהרש״ל האט געזאגט אויף דעם מהר״ל ווען ער איז נאך געווען א יונגערמאן, אז עולם ומלואה פארמאגט ניט זיינע גאונות.

דער ענין החינוך והדרכה — זאגט דער עלטער זיידע דער צמח צדק — און די מנהגי ישראל וואס דער מהר״ל האט געהייליגט און חוקק געווען בא דעם כלל ישראל, איז נאך העכער ווי די אלע ספרים וואס ער האט געשריבען.

די מעלה פון די מנהגים וואס דער מהר״ל האט געלאזען אידען, אויף די ספרים וואס ער האט געלאזען, איז ווי די מעלה פון אותיות החקיקה אויף אותיות הכתיבה. אותיות הכתיבה קען נמחק ווערען במשך הזמן אבער אותיות החקיקה זיינען קיימים.

• • •

איצטער דארף מען פארשטעהן ווי איז דער ענין פון שבת שירה ע״פ חסידות.

תורה און מצוות זיינען נצחיים אן קיין שינוי זמן ומקום.

היינט איז שבת שירה.

שבת שירה זינגען אידישע נשמות מיט משה רבינו די שירה פון אז ישיר, ווי מיר אלע האבען די שירה געזונגען נאך קריעת ים סוף דעם ערשטען מאל, ווען השי״ת האט אונז ארויסגענומען פון גלות מצרים.

עס שטעהט המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית, ווייסען אלע אידען דעם פירוש המלות: דער בורא ב״ה באנייט מיט זיין גוטסקייט יעדען טאג דעם לעבען פון אלע וועלטען און באשעפענישען, אז תמיד — אלע מאל איז דאס ווי אין — מעשה בראשית. אט אזוי ווי אין מעשה בראשית עשה את שאינו ישנו [40]), דער בורא ב״ה האט באשאפען די וועלט און אלע באשעפענישען מאין ליש, אזוי איז אויך תמיד — אלע מאל — איז ווי אין ימי בראשית, אין יעדען טאג איז פאראן א הארה פון דעם גילוי וואס איז געווען אין דעם טאג אין די ימי בראשית.

עס שטעהט בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. זאגט דער מדרש [41]) בזכות התורה שנקראת ראשית נברא העולם, בזכות ישראל שנקראים ראשית נברא העולם, און דאס איז בראשית ב׳ ראשית. דערפאר זיינען די חמשה חומשי תורה איינגעטיילט אין די וואכען פון יאהר. יעדע וואך האט איהר סדרה, וואס דאס וואס עס שטעהט אין דער סדרה איז מאיר א גילוי הארה אין דער וואך.

איינינע מאל, אין פארשידענע צייטען, איז בא מיר פארצייכענט, וואס הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האט מיר גע־

39) ראה שו״ע או״ח סי׳ שכ״ד ס״י וי״א וסי׳ שמ״ג ובנ״כ.

40) ס׳ יצירה פ״ב מ״ו.

41) הובא בפ׳רש״י (בראשית א. א) וראה ב״ר פ״א וויק״ר פל״ו.

זאָגט: היינטיגע וואָך איז א פרעהליכע וואָך, היינטיגע וואָך איז א בייזע וואָך, היינטיגע וואָך קומט אונז א מזל טוב פאר יציאת מצרים, פאר קריעת ים סוף, פאר מתן תורה, פאר דעם ציווי פון ועשו לי מקדש, פאר הקמת המשכן כו׳ וכו׳ [42]).

די סדרה פון דער וואָך איז דער גילוי פון דער וואָך און דער גילוי ווערט דערהערט אין אלע ה׳ מדריגות וואָס אין נשמה.

אין איינע פון מיינע רשימות [43]) איז פאראן א פארצייכענונג פון א שיחה קדושה, וואָס איך האָב געהערט מהוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק:

אז א איד איז עולה לתורה איז דאָס א עלי׳ אין אלע חלקי הנשמה: דער נפש איז עולה לתורה אין עולם עשי׳ הרוחנית, דער רוח איז עולה לתורה אין עולם היצירה, די נשמה איז עולה לתורה אין עולם הבריאה, מקיף דחי׳ איז עולה לתורה אין עולם האצילות און מקיף דיחידה איז עולה לתורה אין מלכות דא״ס וואָס למעלה מאצילות.

און דאָס איז בראשית ברא אלקים, ברא איז דער טייטש גילוי [44]), אלקים איז בגימטריא הטבע, די ב׳ ראשית פון תורה און ישראל זיינען מגלה די טבע, וואָס דער בורא ב״ה האָט טובע געווען אין שמים וארץ. און דאָס איז דער ענין פנימי, וואָס חמשה חומשי תורה זיינען איינגעטיילט געוואָרען אין די וואָכען פון יאָהר, אז די סדרה פון דער וואָך איז מחי׳ די וועלט מיט איהרע באַשעפעּנישען און איז מאיר בגילוי אין די ה׳ מדריגות נפש רוח נשמה חי׳ יחידה.

חסידות דערקלעהרט דייטליך קלאָהר דעם ענין פון לית אתר פנוי מיני׳ [45]), ניט נאָר אז השי״ת איז אומעטום נאָר אז אלץ איז אלקות — געטליכקייט — און אלקות איז אלץ, און גיט דעם ענין צו פארשטעהן מיט דעם, אז עס איז פאראן רוחניות׳דיגע געטליכקייט און טבעיותדיגע געטליכקייט.

עס איז שוין מעהרערע מאָל [46]) אין פארשידענע צייטען דערקלעהרט געוואָרען, אז דאָס וואָס מענשען רופען טבע — נאַטור — איז באמת געטליכקייט, נאָר דאָס איז דער אלקות וואָס טוט זיך אָן און פארקליידט זיך אין פאַרשידענארטיגע קליידער און די קליידער ווערען גערופען מיט׳ן נאָמען טבע.

דער טייטש פון דעם וואָרט טבע איז פאַרטרונקען אָדער דערטרונקען, ווי עס שטעהט טבעו בים סוף. די זאַך וואָס איז פארטרונקען אין וואסער איז דאָך מעהר ניט, וואָס די וואסער פארדעקט אויף דער זאַך, ד. ה. די זאַך איז פאראן אין איהר מציאות ווי זי איז, נאָר די וואסער נעהמט די זאַך ארום און פאַרדעקט, אַז מען זעהט דאָס ניט, און דאָס איז טבע אז די געטליכקייט איז פאַרזונקען אין די לבושי הטבע, וואָס זיי פארדעקען אויף די געטליכקייט.

חסידות, וואָס ענינה איז מגלה צו זיין די נשמה פון יעדער זאַך, איז אויך מגלה די נשמה פון טבע, און גיט צו דערקלעהרען, אַז עס איז פאראַן טבעיותדיגע געטליכקייט און רוחניות־דיגע געטליכקייט, און קומט צו דעם טיפזיניגען השכלה־באַשלוס, אַז די טבעיותדיגע געטליכקייט איז העכער — אויב מען קען זיך אזוי אויסדריי־

---

42) ראה לעיל ע׳ 8.

43) ראה שיחת ים כסלו תרצג אות יז.

44) ראה קונטרס חי אלול ה׳תשג ע׳ 7.

45) תיקוני זהר תי׳ נז.

46) לדוגמא ראה המאמר בסוכות חשבו תרפט.

קען — אין מדריגה ווי די רוחניותדיגע געטליכקייט.

* * *

דער רבי אין תניא פרק י"ט וואו ער רעדט וועגען דעם ענין פון נר ה' נשמת אדם, אז אזוי ווי דער אור הנר ציהט זיך צום שרש, הגם ער וועט פארלאשען ווערען און וועט ניט לייכטען, און קומענדיג אין שרש וועט דער אור הנר אינגאנצען בטל ווערען, דאך אזוי וויל דער אור הנר מצד זיין טבע, וואס אזוי איז אויך אין טבע הנפש — זאגט דער רבי אויף דעם טבע פון אור הנר וואס ציהט זיך צום שרש ביסוד האש הכללי שתחת גלגל הירח, אז דער נאמען טבע איז איין אנטליענער נאמען פאר יעדער זאך וואס האט ניט קיין דערקלעהרונג פארוואס עס איז אזוי.

דאס מיינט צו זאגען, אז מיר ווייסען אז אזוי איז די טבע פון אור הנר, און אויך אנדערע טבעיים, אבער פארוואס איז אזוי ווייסען מיר ניט. וואס, באמת, דער גאנצער ענין פון חכמת הטבע פון דומם צומח חי מדבר איז מעהר ניט די ידיעה אין דעם אז אזוי איז דאס, דאס הייסט די ידיעה אין דער הרכבה והפרדה, און אין די פארשידענארטיגע סגולות וואס דער בורא ב"ה האט טובע געווען אין דומם צומח חי ומדבר, אבער דער פארוואס פון די טבעיים וויס חכמת הטבע ניט.

דער רבי זאגט, אז דער טבע הנפש איז אויך ווי די טבע פון אור הנר, אז דאס איז ניט צו דערקלעהרען מיט א פארשטענדליכער דערקלעהרונג, נאר דאס איז העכער פון פארשטאנד און דערקלעהרונג, ווייל די טבע קומט פון חכמה שבנפש, וואס חכמה שבנפש איז די כלי צו אור א"ס.

מיט די עטליכע ווערטער אז די טבע קומט פון חכמה שבנפש — באלייכט דער רבי דעם גאנצען ענין פון טבע און שטעלט אוועק טבע אויף איהר ריכטיגען פלאץ.

עס איז פאראן א אויסשפראך [47]: דברה תורה כלשון בני אדם. אט דאס וואס חנה זאגט פאר השי"ת אין איהר תפלה אם ראה תראה איז דאס איינער פון די אויסדריקען וואס תורה רעדט כלשון בני אדם. און עס איז פאראן א אויסשפראך [48]: לשכך את האזן מה שהיא יכולה לשמוע — תורה רעדט אין אזעלכע אויסדריקען, אז דער מענשליכער אויער זאל קענען פארנעמען. עס איז דאך אזן מלין תבחן [49], הערען מיינט פארשטעהן, ווי עס שטעהט [50] דבר כי שומע עבדך, איז לשכך האזן מה שהיא יכולה לשמוע — ריידען אזעלכע אויסדריקען אז דער הערער זאל דאס קענען באגרייפען.

אט די צוויי אויסשפראכען זייבען זעהר פארשידענארטיג. דער מאמר דברה תורה כלשון בני אדם מיינט צו זאגען, אז תורה, הגם זי איז דאך חכמתו ית', דאך דריקט זיך תורה אויס מיט אזעלכע אויסשפראכען וועלכע זיינען נאהענט צו מענשליכע אויסשפראכען, ד. ה. אז חכמתו ית' וואס אין תורה קומט אויך אין לשון בני אדם, אבער אין דעם עצם ענין איז ניט פאראן קיין אונטערשייד ווי לשון תורה עצמה און וואס דברה תורה כלשון בני אדם. און דער מאמר לשכך את האזן מה שהיא יכולה לשמוע הייסט, אז עס איז א שינוי אין דעם עצם ענין, ד. ה. מען רעדט נאר אין דעם וואס דער אזן התלמיד קען באגרייפען, דערום איז גירסת רש"י ניט

---

47) ברכות לא, ב.
48) מכילתא יתרו פ"ד (יט, יח).
49) איוב יב, יא.
50) ש"א ג, יוד.

לשכך האזן נאָר לשבר, כדי להסביר אל אזן האדם.

איז אָט די צוויי אויסשפראכען מיט זייער פארשידענארטיגקייט גיבען אונז די מעגליכקייט צו פארטיפען זיך אין די העכסטע רוחניות'דיגע באגריפען אויף צו קענען זיי אָפּ'משל'ען אין דעם מענשליכען קערפערליכען טבעיות'די־גען פאַרשטאַנד.

* * *

דער ניט גאָר שטאָק־בלינדער, ר"ל, אין פנימיות התורה, וועלכער לערענט די מכילתא פרשה ד' אין יתרו אויף דעם פסוק והר סיני עשן כולו, קען זעהן ניט נאָר די נשמה פון גליא שבתורה, נאָר ער קען האָבען א באַגריף אין פנימי' התורה וואָס איז די נשמה פון גליא שבתורה.

די מכילתא זאָגט, הרי אנו מכנין אותו מבריותיו לשכך האזן. אין די עטליכע ווערטער ליגט דער יסוד מוסד פון ביאורים והסברים פון חסידות חב"ד אין דעם ענין פון וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלקים וגו', אז אין הוי' אלקים דאַרף זיין ידיעה און השגה שכלית, ווי דער רמב"ם זאָגט [51]) לידע שיש שם מצוי ראשון והוא ממציא כל נמצא, און זאָגט ניט להאמין שיש שם מצוי ראשון. דער רמב"ם זאָגט אז די ידיעה איז דער יסוד היסודות ועמוד החכמות.

דרך אגב איז דער רמב"ם מרמז אז דער שם הוי' איז דער יסוד היסודות ועמוד החכמות.

און די מכילתא ווייזט אונז דעם וועג ווי אזוי מען קען קומען צו דער ידיעה.

די מכילתא איז מאמת די שיטת החסידות אין דעם ענין פון כי אל דעות הוי' ולו נתכנו עלילות. דיעות — זאָגט דער תיקוני זהר [52]) תרין. עס זיינען פאראן צוויי דיעות; דעת עליון און דעת תחתון. דעת תחתון איז דעת הנבראים, וואָס זייער גאנצער דעת איז אָט דאָס וואָס זיי באַגרייפען מיט זייער מענשליכען קערפערליכען פאַרשטאַנד, און דעת עליון איז דער געטליכער רוחניות'דיגער פאַרשטאַנד.

חסידות דערקלעהרט אז דעת תחתון איז ניט בערך צו דעת עליון, און אין ווערטערליכע אויסדרוקען איז דעת תחתון און דעת עליון צוויי הפכים: דעת עליון איז אז די רוחניות'דיגע געטליכקייט איז יש האמיתי און די טבעיות'דיגע געטליכקייט, די געטליכ־קייט וואָס שאַפט די אלע קערפערליכע באַשעפענישען, איז אין. און דעת תחתון איז אז די טבעיות'דיגע געטליכ־קייט איז יש און דער כח אלקי וואָס שאַפט דעם יש איז אין, ווייל דאָס וואָס דער נברא באגרייפט ניט מיט זיין שכל איז דאָס אין, וואָס מיינט אומפאַר־שטענדליך. און נאָך אלעם דעם איז דער פאַרשטאַנד פון דעת תחתון א גע־וויסע שכל דערהויבונגס טרעפ צו קע־נען דערנעהנטערען זיך צו דעם באַ־גריף פון דעת עליון.

די שיטה איז מאמת די מכילתא מיט די ווערטער הרי אנו מכנין מבריותיו לשכך האזן, דאָס מיינט צו זאָגען אז דער באגריף פון דעת תחתון איז להיפך פון דעם דעת עליון באגריף און דאָך איז דער דעת תחתון פארשטאַנד א געוויסע השכלה הקדמה צום דעת עליון באגריף.

די מכילתא עפענט אונז די השכלה אויגען אויף צו פאַרטיפען זיך אין דעם מיין פון דער גבורה וואָס השי"ת האָט טובע געווען אין דעם קערפער פון דעם לייב און אין דער שטאַרקער לעבהאַפט וואָס השי"ת האָט טובע געווען אין דעם

51) יד החזקה בתחילתו.
52) תי' סט בתחילתו.

וואסער, וואָס מיט דעם ווייזט אונז די מכילתא דעם דרך החסידות און דעם מבוא ההשגה, דעם צוטריט, ווי מען באדארף פארשטעהן געטליכקייט, אַז פון דעם משל פארשטאַנד באדארף מען זיך דערהויבען צום נמשל באגריף.

עס שטעהט ומבשרי אחזה אלקה, פון מיין קערפער זע איך געטליכקייט. אז עס ווערט געשאַפען א קערפער און ער לעבט און שאַפט, איז זיין גאַנצער קער־פערליכער עקזיסטענץ באַוויזט צו דערקענען געטליכקייט.

חסידות דערקלערט דעם ומבשרי אחזה אלקה, אז דער מענש פון זיין אייגענעם קערפערליכען לעבען און שאַפונג, וואָס עס קומט פון דעם נפש׳ס באַלעבונג און קראַפט, פאַרשטעהט דער מענש דעם לעבען און שאַפונג פון דער גאַנצער בריאה, און חסידות שאַפט פארשטאנדיגע טיפזיניגע השכלה איבערלייגונגען אין דעם ואתה מחי׳ את כולם.

חסידות עפענט די שערי השכלה והשגה און פיהרט אריין דעם מענשען אין א וועלט וואָס איז כולו אור, אין דער נשמה וועלט. די וועלט, עולם הזה, איז דאָך עלמא דשקרא, ווייל עס איז א פלייש ערדישע וועלט, א וועלט פון יש ומציאות, וואָס דער באַנעהם פון יש אז ער אליין איז א מציאות איז א שקר גמור, דער אמת איז דער נפש וואָס איז מחי׳ דעם קערפער, אָבער די נשמה וועלט איז דער עולם האמת וואו עס איז כולו אור.

אין דער אור האמת וועלט וואוהין השכלה און השגה פון תורת החסידות פיהרט אריין דעם מענשען, דאָרט באַ־קענט זיך דער מענש מיט די פנימיות און נשמה פון אלעס אין דער וועלט. אין דער אור האמת וועלט קומט די פנימיות און נשמה פון אלע באַשעפע־נישען צו זייער ריכטיגען אויסדרוק דער דומם רעדט, דער צומח זינגט, דער חי זאָגט שירה און דער מדבר באַגרייפט דעם העכער פון קערפערלי־כען פאַרשטאַנד.

און דאָס מיינט אז דער דעת תחתון, דער גריבלען זיך אין די השגות פון בריאה יש מאין און די פאַרשטאַנדען אין דעם ואתה מחי׳ את כולם אויף דעם יסוד פון דער השגה פון ומבשרי אחזה אלקה, איז א געוויסע פאַרשטאַנד דערנעהנטערונג צום דעת עליון באַ־גריף.

• • •

מיט דער קורצער הקדמה וועלען מיר פאַרשטעהן דעם רבינס באַלייכ־טונג אויף דעם אויסטייטש פון דעם וואָרט טבע, אַז הגם מיר ווייסען ניט פארוואָס עס איז אזוי, אָבער מיר ווייסען אז עס איז אזוי, איז הגם אין די טבעיות׳דיגע געטליכע וועלטליכע זאַ־כען ווייסען מיר ניט ווער דערוועקט אין זיי די המשכה צו זייערע שרשים למעלה, אָבער אין טבע הנפש ווייסען מיר יאָ אז די דערוועקונג קומט פון חכמה שבנפש.

מיט דער אַנדייטונג שטעלט דער רבי אוועק דעם כללות ענין פון טבע אויף זיין ריכטיגען פלאַץ, ספירת החכמה וואָס איז ראשית ההשתלשלות, ד. ה. אז לבושי הטבע הויבען זיך אָן פון ספירת החכמה און די ספירות וואָס זיינען נידעריגער פון ספירת החכמה. במילא איז מובן אז העכער פון ספירת החכמה איז למעלה מן הטבע.

דער תניא איז דער חומש פון תורת החסידות. אָט אזוי ווי אין תורה שבכתב זיינען די ווערטער מדויק בחסר ויתיר ודרשינן סמוכות, אָט אזוי איז אין תניא וואָס עס איז דער חומש פון חסידות, יעדער וואָרט מדויק בחסר

ויתיר און מען מוז זיך טיף פארטראכ־טען אין דעם געטליכען פארשטאנד וואס דער רבי איז אונז מגלה.

דער רבי זאגט אז דער טבע הנפש איז חכמה שבנפש, און איז מבאר וואס חכמה שבנפש איז, שבה אור אין סוף ב"ה. וואס לכאורה איז דער ביאור אז חכמה שבנפש איז שבה אור א"ס ב"ה, ניט נוגע צום ענין וואס ער — דער רבי — איז דא מבאר, אז טבע שבנפש איז ניט קיין טעם ודעת ושכל מושג ומובן, נאר איז העכער מהדעת ושכל המושג והמובן, ווי רופט מען די הע־כערע מדרגה, די העכערע מדריגה איז חכמה שבנפש.

מיט די עטליכע ווערטער שבה אור א"ס ב"ה דערקלעהרט אונז דער רבי צעהן ענינים.

א) דעם מהות פון חכמה שבנפש — אז מהותה איז וואס שבה אור אין א"ס ב"ה.

ב) ער איז אונז מרמז אז חכמה שבנפש איז עהנליך צו ספירת החכמה וואס אין עולם האצילות, וואס וועגען דער מדריגה פון חכ' דאצי' איז דער רבי מבאר אין דער הגה"ה פון פרק ל"ה.

ג) חכמה שבנפש איז טבע אבער דאך ניט גלייך ווי טבע פון נבראי העולם. דארום רעדט ער פריהער וועגען דער טבע פון אור הנר און נאכדעם רעדט ער וועגען טבע הנפש אז הגם עס איז אויך לבושי הטבע אבער עס איז גאר אן אנדער אופן לבוש, ווייל חכמה שבנפש איז כלי צו אור א"ס ב"ה.

ד) דער רבי איז אונז מרמז דעם שרש ענין פון דער טבע שבנפש וואס איז חכמה שבנפש, אז עס איז פון יחידה וואס איז פארבונדען מיט יחיד, און דער גילוי איז ניט בדרך השתל־שלות, נאר בדרך דילוג אויף די מדרי־גות נר"ן.

ה) הגם חכמה שבנפש איז בה אור א"ס ב"ה, דאך איז דאס טבע און ניט למעלה מן הטבע.

ו) מיט די רמזים גיט אונז דער רבי אן אנדייטונג, אז למעלה מן החכמה, וואס דאס איז ספירת הכתר, איז למעלה מן הטבע.

ז) פון דעם הפלאת ענין אז חכמה איז טבע און בה אור א"ס ב"ה גיט עס אונז א באגריף אין ספירת הכתר, הגם ספירת הכתר איז למעלה מן הטבע איז ספירת הכתר אויך מעהר ניט ווי א לבוש.

ח) וואס דער אויספיהר פארשטאנד איז אז אלקות איז זיך כביכול מתלבש אין צוויי אופני לבושים: א) לבוש הגילוי וואס עס איז למעלה מהטבע. ב) לבוש ההעלם וואס עס איז טבע.

ט) די צוויי לבושים — איז דער לבוש הגילוי וואס איז למעלה מן הטבע איז דאס דער אור הסובב כ"ע וואס איז א אור מקיף, און דער לבוש ההעלם פון טבע איז דאס דער אור הממכ"ע וואס איז א אור פנימי.

י) פון די צוויי לבושים סוכ"ע און ממכ"ע, וואס אלקות, כביכול, איז זיך אין זיי מתלבש איז למטה ווערט פון דעם די צוויי ענינים: א) טבעיות'די־גע געטליכקייט. ב) רוחניות'דיגע געט־ליכקייט.

פון דעם קורצען ביאור ווי חסידות טייטשט אויס דעם ענין פון טבע און למעלה מהטבע פארשטעהט מען פיר ענינים: א) דעם פארבונד — קישור וחיבור — פון אלע מדריגות אין נשמה וואס דער רבי איז זיי מרמז אין די שמות הנרדפים טעם — יחידה, ודעת — חי', ושכל — נשמה, מושג — רוח,

ומובן — נפש. ב) דעם פארבונד פון עולמות: עשי׳, יצירה, בריאה, אצי־לות, מל׳ דא״ס וואס למעלה מאצילות. ג) דעם פארבונד פון די מדריגות הנשמה אין מדריגות העולמות. ד) אז די מדריגה פון טבעיות׳דיגע געטליכ־קייט, וואס בשרשו איז דאס דער אור פנימי פון ממכ״ע, הגם איצטער איז דאס העלם, איז העכער במדריגה ווי רוחניות׳דיגע געטליכקייט וואס בשרשו איז דאס דער אור מקיף פון סוכ״ע.

און דאס איז דער פירוש וביאור אויף דעם מאמר הקדש: אז א איד איז עולה לתורה זיינען אלע מדריגות וואס אין נשמה עולה אין אלע עולמות ביז מלכות דא״ס וואס למעלה מעולם האצילות, און די עלי׳ איז אין און דורך דער סדרה פון דער וואך.

די עלי׳ לתורה אין דער סדרה פון דער וואך איז משלים און גיט כח ועוז אין דעם ירידת הנשמה, אז די נשמה זאל אויספיהרען איהר שליחות אין עולם זה צוליב וואס השי״ת האט זי געשיקט.

---

מאמר ג.

## בס״ד, ש״פ בשלח תש״ב, בסעודה.

**שחורה** אני ונאוה בנות ירושלים, וארז״ל (הובא בילקוט במקומו) וכי אפשר לשחור להיות נאה כו׳, לא דומה אדם שיוצא ממעי אמו כעור למי שהוא נאה ומתנוול שסופו לחזור להיות נאה, כך כנסת ישראל אמרו שחורה אני במעשי ונאוה במעשה אבותי. דהנה בכל א׳ וא׳ מישראל יש בו שני ענינים והם מעשיו ומעשי אבותיו, דמעשיו הם עניני עבודתו בתומ״צ כפי טבע תולדתו בכחות הגלוים שבנפש, ומעשה אבותיו הם הכחות הנעלמים באמונה פשוטה ובמסירת נפש על קידוש השם מה שבא לנו בירושה מאבותינו. וענין המס״נ הוא, אשר בנוגע לשמירת המצות מעשיות אינו מתחשב עם כל עניני עולם. וזהו אף כי שחורה אני במעשי בכחות הגלוים בקיום התומ״צ, אבל עם זה הנה ונאוה אני במעשי אבותי שהם הכחות דאמונה פשוטה ומס״נ על קדוש השם. וזהו שחורה אני ונאוה בנות ירושלים, דהנשמות שירדו למטה להתלבש בגוף ונה״ב אומרות להנשמות שנקראות בנות ירושלים, היינו הנשמות כמו שהן למעלה ולא ירדו למטה להתלבש בגוף, הגם כי שחורה אני מצד ההתלבשות בגוף, והנפש מתפעלת ממקרי הגוף, ובפרט השחרות שנעשה ע״י הנה״ב, דלא זו בלבד מה שמעלים ומסתיר על אור קדושתה הנה עוד זאת שמשחיר את הנפש, דהנה״ב הרי לבד זאת שהיא בהמית בעצם מהותה, וכמו בגשמי׳ הרי הבהמה אף גם שיש לה כחות רוחני׳ דראי׳ ושמיעה, אבל אין לה שום הבנה במה שהיא רואה ובמה שהיא שומעת, הנה לבד זאת הרי כל עיקר ענין מהותה הוא מה שהיא נמשכת רק אחרי עניני הגוף באכו״ש, וכמאמר הידוע הבהמה הנה מעולם לא ראתה את השמים ואינה יודעת מזה שיש שמים, א בהמה האט קיין מאל ניט געזען דעם הימעל און ווייס ניט פון דעם אז עס איז פאראן א הימעל, וטעם הדבר הוא להיותה בהמית הנה זהו כל מהותה מה שהיא ארצית ואינה שייכת לאיזה דבר מה שלמעלה מהארציות,

וכן הוא בהנה"ב שהיא בהמית בעצם מהותה וכל המשכתה הוא רק לענינים הארצי' והחומרי'. והנה"ב הנה בהמשכותי' לענינים הגשמי' היא עוד גרועה מהבהמה, דהבהמה הרי אין לה דעת והנה"ב הרי יש לה שכל והבנה והיא מכנסת כל שכלה והבנתה בענינים החומרי' להתאוות תאוה ולהרבות הון ועושר. ולא זו בלבד שאין הנה"ב מתחשבת כלל עם אופני התעסקותו בכל עניני מסחריו, אלא אף גם מהפכת בזכותו גם בדברים כאלו שהם נגד היושר ולפעמים גם בטענות של שקר. אשר בכל הענינים הללו הרי הנה"ב משחרת את הנפש, הנה בכל זה ע"י העבודה בלימוד התו' ובקיום המצות מעשיות בב' אופני עבודה דאתכפיא ואתהפכא דהיום לעשותם בעוה"ז בירידת הנשמה למטה ובהתלבשותה בגוף ונה"ב, הנה עי"ז ונאוה שבאה למדריגה היותר גבוה מכמו שהיתה הנשמה בשרש שרשה למעלה בהיותה נקראת בנות ירושלים.

**וביאור** הענין דהנה כתיב מעין גנים באר מים חיים, פי' מעין קאי על הנשמה, דכשם שהמעין הוא עיקר נביעת המים, הנה כן הוא בהנשמה שהיא אך היא עיקר החיות המחי' את האדם. והנשמה נקראת מעין גנים להיות מקום עמידתה בגנים דלעילא בג"ע העליון או התחתון. דכל נשמה ונשמה לפי ערך מעלתה במהותה העצמי הנה לפי אופן כזה הוא מצבה ומקום עמידתה. וכמו בגשמי' הגוף ארז"ל (סנהדרין פ"ד משנה ה') ומלך מלכי המלכים הקב"ה טבע את כל האדם בחותמו של אדם הראשון, היא צורת מין האדם אשר בה האדם אדם, ועם זה הרי בנ"א אינם שוים לא בפרצופיהם ולא בדעותיהם, ובכל זה הרי כולם הם מין האדם ונק' בשם המעלה מין המדבר, והיינו שבלי הבדל כלל אם הוא חכם מופלג ובדבורו מגלה עמקי חכמתו או שהוא שוטה ר"ל ולא בדעת ידבר הוא ממין המדבר, הנה כן הוא במהות הנשמה, דעם היות אשר כל הנשמות הן בסוג נשמות, עם זה הרי כל נשמה ונשמה הנה מצבה ומקום עמידתה הוא לפי מהותה, ומהאי טעמא נק' הנשמה מעין גנים. וע"י ירידת הנשמה והתלבשותה בגוף ונה"ב ופועלת בעבודתם לבררם ולזככם, הנה עי"ז נעשית הנשמה באר מים חיים. וכמו בגשמיות הרי כל המעינות נמשכים מהתהום דרך הימים ומי הים הם מלוחים שאינם ראוים לשתי', ורק כאשר הם בגידי הארץ ובוקעים את עפר הארץ הנה ע"י הילוכם בגידי הארץ ובקיעתם את עפר הארץ הנה לא זו בלבד שמסיר את חריפות מליחותם אלא עוד זאת נעשים מים חיים שמשיבים את הנפש וכמ"ש מים קרים על נפש עיפה, דעם היות שלחם לבב אנ"ש יסעד שהעיקר הוא האכילה וכמ"ש ונשבע לחם ונהי' טובים, עם זה הנה השתי' לבד זאת שמשביעה וכמ"ש ואכלת ושבעת וארז"ל ואכלת זו אכילה ושבעת זו שתי' שהשתי' אחר האכילה משבעת, הנה לבד זאת הרי יש יתרון בשתי' על האכילה דשתיית המים משיב את הנפש, וכמו במתעלף ר"ל שאז הנה כחות נפשו מתעלמים ונשאר בו קיסטא דחיותא בלבד במיעוט יותר מכמו בעת השינה, דבעת השינה הנה כללות ענין התעלמות הכחות אינו בדרך סילוק כ"א בדרך מנוחה ושביתה מעבודה גמורה ומסודרת, וכמו כח השכל בעת השינה אינו שהוא מסולק מחומר

המוח אלא שהוא נח ושובת מאופן פעולתו בשעה שהוא ער, וכן הוא בכל הכחות אשר בשעת השינה מתעלמי', אבל עם זה אינו ענין הסילוק שנאמר שהכחות מסולקים, משא"כ בהתעלפות שהכחות מתעלמים בדרך סילוק. ולכן הנה בעת השינה הוא חולם ובהקיצו משנתו זוכר הוא מה שראה בחלומו, משא"כ בהתעלפות אינו חולם מאומה וכשמשיבים נפשו אינו זוכר כלל מה שנעשה עמו בשעת ההתעלפות, וטעם הדבר הוא לפי שבשעת השינה הוא רק התעלמות הכחות, אבל בהתעלפות הוא סילוק הכחות. ולהשיב את הכחות מסילוקם בשעת ההתעלפות הוא ע"י מים חיים.

**וזהו** מעין גנים באר מים חיים, דהנשמה נק' מעין שבאה ממקום עמידתה בגנים העליונים, דגעה"ע וגעה"ת, וכמו מי הים כשהולכים ונמשכים בגידי הארץ ובוקעים עפר הארץ נעשים מים חיים, הנה כן הוא בנשמה ע"י ירידתה למטה להתלבש בגוף ונה"ב ובוקעת את עפר הארץ שהוא הגוף שנברא מן העפר נעשית מים חיים. דהנה כתיב וייצר ה"א את האדם עפר מן האדמה, דבריאת האדם הוא בשינוי משאר הנבראים דדצ"ח, דכל הנבראים דדצ"ח הרי גופם ונפשם הם בערך וקירוב זל"ז וכמו בברואי מין הדומם הרי הגוף ונפש מתאימים בערך, שהגוף עם היותו גם הוא מורכב מד"י אבל בעיקרו הוא יסוד העפר ונפשו היא נפש הדוממת, וכן הוא בצומח וחי שגופם ונפשם הם בערך זל"ז, משא"כ במין המדבר שגופם ונפשם הם רחוקים זמ"ז בתכלית הריחוק, שהאדם הנה מצד גופו הוא למטה מכל הנבראים בצבא הארץ שבקומתן נבראו ובצביונם נבראו ומצד נשמתו האדם למעלה מצבא השמים וממלאכי השרת, הרי שגוף האדם ונשמתו הם רחוקים זמ"ז בתכלית הריחוק, וע"י התלבשות הנשמה בגוף ועוסקת בתומ"צ ובעבודה שבלב לברר הדברים הגשמי' נעשית הנשמה בבחי' מים חיים, שהנשמה קודם ירידתה למטה עם היות מעמדה ומצבה בגנים העליונים ועומדת שם באהוי"ר ובתכלית הביטול לאלקות, בכל זה הרי נמשלה בדוגמת מי הים שהם מלוחים, דבאמת הרי המלח הוא בחי' ומדרי' גבוה ביותר ולכן הנה על כל קרבנך תקריב מלח, והמלח הוא ברית ה' אלקיך, ולהיות המלח במדרי' גבוהה ונעלית ביותר לכן הנה הטביע הקב"ה בטבע המלח לקיים את כל אשר נמלח במלח, אבל עם זה הרי מי הים שהם מלוחים אינם ראויים לשתי', ורק כאשר הולכים דרך גידי הארץ ובוקעים עפר הארץ אז נעשים מים חיים שמשיבים את הנפש, אשר כן הוא בהנשמה דדוקא ע"י ירידתה למטה והתלבשותה בגוף ועוסקת בתומ"צ נעשית בבחי' מים חיים. וזהו דכתיב טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף, זהב וכסף הם אהוי"ר ואלפי זהב וכסף הם האהוי"ר מה שהנשמה אלופה ורגילה בהם בהיותה למעלה, הנה טוב יותר תורת פיך היא התורה שהאדם לומד בפיו הגשמי בעוה"ז מהאהוי"ר שהי' לה להנשמה קודם ירידתה, להיות שעי"ז דוקא הוא מה שהנשמה נעשית בבחי' מים חיים. ואומרו באר מים חיים, דבכדי שמהנשמה שהיא בחי' מעין גנים יהיו מים חיים הוא ע"י העבודה דבאר. דהנה בגשמי' אנו רואים שעם היות אשר בעמקי

האדמה יש מעינות מים חיים בכ״ז הרי א״א ליהנות מהם בהיותם מכוסים בעפר וצרורות ורק ע״י שמסירים את הכיסוי אז מתגלים המעינות, וכ״ה בעבודה הרוחני׳ שצריכים להסיר את העפר והצרורות שהם החומרי׳ והגסות של הגוף ונה״ב המעלימים ומסתירים על אור הנשמה. ובזה יש שני אופני עבודה הא׳ הוא העבודה בתומ״צ ועבודה שבלב ובהנהגה דמדות טובות בכחות הגלוי׳, והב׳ העבודה בדרך מס״נ. וזהו שחורה אני ונאוה דמי שהוא כעור ממעי אמו אא״ל נאוה, אבל מי שהוא נאוה ומתנוול סופו לחזור להיות נאוה, והיינו דעם היות ששחורה אני במעשי בכחות הגלוים אבל ונאוה במעשי אבותי בעבודה דמס״נ.

---

## בריף פון כ״ק אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע צום באַנקעט לטובת דעם פדיון שבוים פאַנד און ישיבת תומכי תמימים

**יום א יד שבט ה׳תש״ד, שיקאגא**

ב״ה.

צום גרעסטען באַדויערען קען איך פערזענליך ניט בייזיין בא דעם צוזאַמענקונפט און איך שיק מיין וואָרט שריפטליך.

איך גיב אָפּ א לויב צו ג-ט ב״ה, וואָס אין דעם גרויסען זכות פון מיינע הייליגע עלטערען נ״ע, וועלכע האָבען געאָפּפערט זייער לעבען פאַר דער פאַרבעסערונג פון דעם עקאָנאָמישען און גייסטיגען צושטאַנד פון דעם כלל ישראל, האָט דער ליבער ג-ט ב״ה מיך געבענטשט מיט דעם וואָס אלע שיכטען פון אונזער פאָלק גיבען די געהעריגע אויפמערק-זאַמקייט צו מיין ארבעט אין פדיון שבוים, הרבצת תורה און אלגעמיינע געזעלשאַפטליכע ארבעט.

די אלגעמיינע לאגע רעדט פאַר זיך אליין. נאָר מען באַדאַרף זיין פול מיט האָפענונג אין ג-ט׳ס הילף אז די אויפריכטיגע מענשהייט וועט באַזיגען די נידערטרעכטיגקייט און עס וועט זיכער קומען א שעהנערע וועלט, אָבער מען מוז ברייגנען געוויסע קרבנות, און קערען זיך צו ג-ט מיט הארציגע תפלות אז ער זאָל שטאַרקען די אלע וועלכע קעמפען פאַר דער גערעכטיגקייט.

מיר אידען, אָן אונטערשייד פון שאַטירונגען און קלאַס, מוזען זיך אלע אָנשליסען אין א תשובה תנועה, ניט נאָר אין צדקה ומעשים טובים, נאָר טאקע אין היטען די מצות (געבאָטען) פון השי״ת אין פולען זין פון דעם וואָרט.

אין דעם מאָמענט, ווען דאָס בעסטע וואָס די מענשהייט פאַרמאָגט שטעהט אויפ׳ן שלאַכט פעלד, איז דער חוב פון גאַנצען כלל ישראל אין אמעריקע און אלע לענדער צו קערען זיך צו ג-ט ב״ה מיט א תשובה, און איינאָרדענען דעם לעבען אין שמירת מצוה מעשיות, אום צו רעטען די מדינה און פאַרזיכערען דעם פאָלקאָמען זיג.

דער געבאָט פון דער שעה איז **תשובה**.

בא חלילה די ביטערסטע אומשטענדען ניט זיין פאַרצווייפעלט און זיין פאָלקאָם זיכער אין ג-ט׳ס הילף אז עס קומט א שעהנערע וועלט.

איך האָף אז דער תשובה רוף וועט געפינען דעם ריכטיגען אָפּ־קלאַנג אין די אידישע הערצער, און דאָס פּינטעלע איד וועט יעדען איי־נעם, מאַן און פרוי, דיקטירען ווי גוט צו מאַכען דעם עבר און צו פיהרען דעם עתיד לויט די דיני התורה.

איך דאנק די אראנדזשמענטס קאָמיטע מיט איהר וועדטען טשערמאַן אין דער שפּיץ, און מיט דער הייליגער קראַפט פון מיינע עלטערען נ"ע שיק איך מיין ברכה צו אלע מענער און פרויען וועלכע זיינען דאָ פאַרזאַמעלט, אויך צו אלע מענער און פרויען וועלכע העלפען מיר אין מיין ארבעט, אז זיי זאָלען זיין געבענטשט אין קערפּער און גייסט.

מיט א באַזונדער וואָרט ווענד איך זיך צו די פרויען בכלל און צו די אלע פרויען, וועלכע האָבען געהאָלפען איינצואָרדענען דעם צו־זאַמענקונפט, בפרט.

די אידישע פרוי פאַרנעהמט דעם חשוב'סטען פּלאַץ אין דער תורה [53].

ווען גאָט האָט געזאָגט צו משה רבינו ער זאָל איבערגעבען דעם אידישען פאָלק די מצות התורה, האָט ער דערמאָהנט די פרויען פריהער פאַר די מענער און אָנגעזאָגט משה רבינו ער זאָל צו די פרויען ריידען מילד און צו די מענער האַרט און שטרענג.

אויף דעם געטליכען רוף צו בויען א משכן פאַר ג־ט'ס הייליגטום האָבען זיך די ערשטע אָפּגערופען די פרויען און זיי האָבען זיך באַשטיי־ערט מיט וויפיל זיי האָבען געקענט און האָבען אליין געארבייט שפּינעריי און וועבעריי ארבעט פאַר דעם הייליגען משכן.

אין דער פרשה בשלח, וואו עס ווערט איבערגעגעבען דער גרוי־סער נס פון קריעת ים סוף און די שירה וואָס משה רבינו און אלע אידען האָבען געזונגען ווערט איבערגעגעבען אז מרים — די שוועסטער פון אהרן און משה — האָט פאַרגעלייגט די אידישע פרויען זיי זאָלען זיך אויך פרעהען מיט דער גרויסער געטליכער הילף, און די הפטרה פון דער פרשה איז די שירה פון דבורה הנביאה, א זכרון צו מרים'ס געזאַנג מיט די פרויען.

דאָס אלעס באַווייזט אונז קלאָהר וואָס פאַר א גרויסען חשוב'ען פּלאַץ די אידישע פרוי פאַרנעהמט אין אונזער הייליגער תורה.

**אידישען פרויען!** איהר באַדאַרפט זיין שטאָלץ מיט דעם גרוי־סען איינזעהן וואָס ג־ט און די הייליגע תורה האָט אייך, אידישע פרויען, געשענקט און איהר באַדאַרפט נאָכקומען צו ערפילען די אלע געבאָטען אין טהרת המשפחה און כשרות מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט און שטרענגקייט על פי דיני התורה.

זייט אלע, מענער און פרויען מיט אייערע פאַמיליעס, געבענטשט אין אלעס.

די תשובה זאָל אונז אידען אין אלע לענדער ברייננגען די ערוואַר־טעטע גאולה שלמה.

---

53) ראה התוברת „רייד צו פרויען".

# דער באַזוך פון ליובאַוויטשער רבי׳ן כ״ק אדמו״ר יוסף יצחק זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע אין שיקאגאָ

## (נרשם על ידי אחד הרבנים בשיקאגא בשעתו)

פון דעם טאָג ווען דער ליובאַוויטשער רבי האָט איבערגעטראָטען דעם אַמעריקאַנעם באָדען — ג, ט אדר שני, ש״ת — און האָט איינגעשטעלט זיין היים אין ניו־יאָרק, האָט די אגודת חסידי חב״ד פון שיקאגא והגליל זיך אָנגעהויבען צו באַמיהען צו האָבען דעם רבי׳ן שליט״א אלס גאסט אין שיקאגא, וואָס איז אויך געווען דער באַגעהר פון גאַנצען שיקאגער — און אומגעגענד — אידענטום.

* * *

ווי באַוואוסט האָט דער ליובאַוויטשער רבי געוואוינט ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה אין אָטוואָצק — ווארשא, און טראָץ דעם וואָס ער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו פאַרלאָזן פוילן נאָך פריער, האָט ער אָבער אַלס געטרייער מנהיג ישראל און אָנפיהרער פון די פילע ישיבות תומכי־תמימים אין פוילען, ניט איינגעשטימט צו פאַרלאָזען זיי אין אַזאַ עת צרה, און איז ליבערשט פארבליבען אויף זיין פלאַץ, שטעלענדיג זיין לעבען אין קאָן, צו דורכמאַכען די אלע גרויזאמקייטען פון דער מאָדערנער טיראנישער מלחמה. ער איז פאַרבליבען ביי די נאַציס נאָכ׳ן אָקופירען דורך זיי פוילען און ווארשע בכלל, בכדי צו געבען מוט און האָפענונג און די מעגליכע נויטיגע הילף, דעם ליידענדען און געפייניגטען פוילישען אידענטום און ספּעשעל די תלמידי הישיבות תומכי־תמימים.

אָפזייענדיג בא פיר מאָנאַטען אונטער דער נאַצישער הערשאַפט און איבערטראַנספאָרטירענדיג א גרויסע צאָהל תלמידי הישיבות תומכי־תמימים אין דער דעמאָלסדיגער מלוכה ליטע, האָט דער רבי באַשלאָסען צו פאַרלאָזען פוילען, איינזעהענדיג אז ווען ער וועט זיין פון דרויסען וועט ער קענען בעסער און מעהרער העלפען דעם געפלאָגטען פוילישען אידענטום, און תלמידי תומכי־תמימים בפרט.

מיט׳ן מאָמענט פון דער אָקופּאַציע פון וואַרשע דורך די נאַציס, האָבען די אַמעריקאַנער חסידי חב״ד זיך זעהר געזאָרגט וועגען גורל פון זייער גרויסען רבי׳ן, און אַ דאַנק דער פאַראינטערעסירונג פון די גרעסטע פּערזענליכקייטען אין אַמעריקע, אידישע ווי אויך ניט אידישע, איז דער אַמעריקאַנער גאָווערמענט באַוואויגען געוואָרען צו אונטערנעהמען די נויטיגע אינטערווענץ אום צו אַרויסלאָזען דעם רבי׳ן פון וואַרשע, נאָך אַמעריקע. אַ דאַנק השי״ת איז די השתדלות געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג, און ספּעשעל הויכע בעאמטע האָבען באַגלייט דעם רבי׳ן פון וואַרשע דורך בערלין ביז צו דער ליטווישער גרעניץ. פון דאָרט איז דער רבי געפאָהרען קיין ריגא — סטאָקהאָלם, געטעבורג און, מיט שיף, קיין ניו־יאָרק.

שיקאגער אגודת חסידי חב״ד האָט גענומען א געהעריגען אנטייל, מאָראַליש און מאַטעריעל, אין דער גאַנצער רעטונגס־ארבעט, און דעריבער איז זייער באַגעהר צו האָבען דעם רבי׳ן אלס גאסט אין שיקאגא, געווען זעהר גרויס.

* * *

שיקאגער אידענטום געדיינקט נאָך זעהר גוט דעם איינדרוק און די פילע תיקונים אין שטאָדט, וועלכע דער רבי האָט איינגעשטעלט ביי זיין באַזוך אין שיקאגא מיט צוועלף יאָהר צוריק, אלס שליח צבור פון רוסישען אידענטום, נאָך זיין באַפרייאונג פון רוסלאַנד, וואו ער איז געווען פאראורטיילט צום טויט ר״ל דורך דער מסירות און מלשינות

פון דער דעמאָלסדיגער יעווסעקציע פאַר זיין מסירות נפש׳דיגער ארבעט פון החזקת היהדות והרבצת התורה צווישען דעם רוסישען אידענטום, וואָס איז געווען ווי א דאָרן אין די אויגען פון דער יעווסעקציע, — היינט איז שוין אין רוסלאַנד די יעווסעקציע ליקווידירט און די פיהרער זיינען אליין פאַרפוילט געוואָרען אין די טורמעס. — און ווי מערקווירדיג, אז אויך דענסטמאָל איז זיין באַפרייאונג געקומען דורך דער השתדלות פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג מיט דער מיטהילף פון אַנדערע ליבעראלע אייראָפּעאישע רעגירונגען.

* * *

עס האָט גענומען אַ געוויסע צייט ביז דער רבי האָט איינגעאָרדענט זיין היים אויף 770 איסטערן פאַרקוויי, ברוקלין, נ. י. און טראָץ דעם וואָס אונטער דער צייט האָבען אים שוין באַזוכט פילע מיטגלידער פון אגודת חסידי חב״ד און פראָמינענטע אידען פון שיקאגא, איז אָבער דער דורשט צו האָבען דעם רבי׳ן אַלס גאַסט אין שיקאגא פון מאָל צו מאָל נאָכמעהר געשטיגען און געוואקסען.

ענדליך דעם פאָריגען (תש״ב) נאָך סוכות, איז דערהאלטען געוואָרען די גוטע בשורה, אַז דער רבי האָט באַוויליגט צו באַזוכען שיקאַגאָ אין די נעקסטע מאָנאַטען. עס זיינען ארגאנזירט געוואָרען פאַרשידענע קאָמיטעס מסלתה ומשמנה פון שיקאגער אידענטום, פון פארשידענע ריכטונגען און שאַטירונגען, מיט די רבני העיר אין דער שפיץ, אויך א פרויען דיוויזיע אַלס פאַרטרעטערין פון שיקאַגער אידישע פרויען צו געבען דעם רבי׳ן דעם געהעריגען כבוד און דערמעגליכען דעם סוקסעס פאר זיינע כלל ישראל טעטיגקייטען אויף אַלע געביטען פון אידישען לעבען — גייסטיגען און עקאָנאָמישען.

* * *

עס איז ווינשענסווערט צו באַקענען אין אלגעמיינע שטריכען די כלל ישראל טעטיגקייט פון ליובאַוויטשער רבי.

עס איז שוין א טראַדיציע פון די נשיאי חב״ד פון דעם ערשטען טאָג פון דער אַנטשטעהונג פון שיטת חב״ד, און איהר ערשטען נשיא הרב מליאדי אָדער דער אַלטער רבי — ווי ער איז באַקאַנט צווישען חסידים — אז זיי באַגרעניצען זיך ניט מיט דער הנהגה פון חסידי חב״ד אליין, נאָר נעהמען אויך א גרויסען חשוב׳ען פלאַץ אין כלל ישראל טעטיגקייט צו לינדערען די אידישע נויט וואו מען קען נאָר דערגרייכען, און צו זאָרגען פאר׳ן וואוילזיין פון דעם אידישען מצב בגשם וברוח.

וואו עס איז נאָר געווען, ר״ל, א גזירה און א עת צרה בא אידען, טרעפט איהר דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן, אלס דעם קעמפער און פאַרטיידיגער פון אידישע רעכט, ער לייגט צו א האַנד צו פאַרשטאַרקען די עקזיסטירענדע תורה־צענטרען, און שאַפט און בויט נייע תורה־צענטרען, וואו נאָר ער קומט. אזוי איז געווען אין רוסלאנד, לאטוויע, פוילען. און קומענדיג אין אַמעריקע, איז שוין דאָ, אין אַ גאָר קורצער צייט, א ישיבה תומכי־תמימים אין ברוקלין, נ. י., און אין מאָנטרעאל, קאַנאדע. ער נעהמט אונטער א פארביטערטען קאַמף געגען דער וואַקסענדער אסימילאציע און מיסיאַנערישער טעטיגקייט, ער פאראינטערעסירט אין דעם די גרעסטע אידישע פערזענליכקייטען און הונדערטער אידישע יונגע נשמות זיינען ארויסגעראַטעוועט געוואָרען און זיינען צוריקגעקומען צו זייערע אידישע עלטערען און היימען. איהר זעהט ווי אומדערמידליך ער באַמיהט זיך צו אריבערברייגען אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער וועמען עס לאָזט זיך נאָר ארויסראַטעווען פון אייראָפּעאישען מלחמה גיהנם, ווענדעט אָן די געהעריגע אינטערווענץ און איינפלוס אין די רעגירונגס־ספערען, און גרינדעט צוליב דעם דעם „פדיון שבוים פאָנד״, וואָס א דאנק דעם זיינען הונדערטער תלמידים און פאַמיליעס פון חסידים און ניט חסידים אריבערגעבראַכט געוואָרען קיין אַמעריקע, ארץ ישראל און אַנדערע זיכערע לענדער.

דער ליובאַוויטשער רבי זייענדיג דער אמת'ער מנהיג פון כלל ישראל, באַנוגענט זיך ניט מיט זיין חנוך ארבעט נאָר אין חסידישע קרייזען, נאָר זאָרגט אלעמאָל פאר דעם חנוך פון אַלע אידישע קרייזען, חסידישע ווי ניט חסידישע.

אין אַמעריקע האָט ער צו דעם צוועק געשאַפען אַ ספעציעלע אָרגאַניזאציע „מרכז לעניני חנוך" מיט א ברייטער טעטיגקייט אויף אַלע חנוך געביטען.

דער רבי האָט אויך געגרינדעט אין אַמעריקע די „מסבות שבת" וואוהין עס ווערען אריינגעצויגען קינדער פון עלטערען— קרייזען וועלכע זיינען זעהר ווייט פון אידישקייט און וועמענס קינדער האָבען ביז איצט גאָרנישט ניט געוואוסט פון אידישקייט.

דורך די „מסיבות שבת" וואו די קינדער פארברייגען א שבת'דיגע שעה אונטער דער השגחה און אידישע השפעה פון זייערע מדריכים, ווערען זיי אלץ נעהנטער און נעהנטער צו אידישקייט.

אויף פאַרשטאַרקען אין אַמעריקע אידישקייט בכלל, ווי שמירת שבת, הנחת תפילין, טהרת המשפחה א. א. וו. האָט דער ליובאַוויטשער רבי געגרינדעט קומענדיג אהער אין אַמעריקע די אָרגאַניזאַציע „מחנה ישראל".

דער רבי האָט אויך געגרינדעט דעם פאַרלאַג „קהת" וועמעס ציל עס איז ארויסצוגעבען די נויטיגע ספרים, אויך לעהרען־ביכער, לייען־ליטעראטור על טהרת הקדש א. א. וו.

* * *

ווי פאַרבענרייך און אַלוועלטליך פארצווייגט עס זיינען די טעטיגקייטען פון ליובאַוויטשער רבי'ן, אזוי אויך איז קאָלירפול די אומגעהויערע קאָרעספאָנדענץ, וועלכע קומט אָן צו איהם טאָג טעגליך פון אַמעריקע און אַנדערע טיילען וועלט, און וועלכע ווערט — יעדען איינעם אָן אויסנאַם — בעאַנטוואָרט דורך איהם. אזוי פאַרשידענפאַרביג זיינען אויך די באַזוכער זיינע. איהר טרעפט בא איהם באקאנטע פראָמינענטע רבנים און גאונים, וועלכע קומען זיך דורכשמועסען אין א דבר הלכה, משכילים חוקרים וועלכע זוכען די געהיימניש פון דער בריאה, פאָליטיקער. לאָיערס און דזשאָדזשעס און כלל־טוער, וועלכע זוכען וועגען צו פאַרבעסערען די אידישע לאַגע, ביזנעסלייט וועלכע קומען נאָך א עצה אין זייערע פאַרפלאָנטערטע ביזנעס אנגעלעגענהייטען, חסידים וועלכע זוכען א דרך אין עבודת הבורא און דערקלעהרונגען אין די טיפסטע ענינים פון חסידות השכלה, פאַרבלאָנדזשעטע נשמות וועלכע זוכען א תיקון, פאַרצווייפעלטע מענשען וועלכע זוכען אן אויסוועג און א טרייסט אין זייער לאַגע, ליידענדע מענשען וועלכע בעטען א ברכה מהשי"ת, עלטערען פארטרויערטע וועגען גורל פון זייערע קינדער, פריינד וועלכע זוכען צו העלפען זייערע קרובים און ראַטעווען זיי מעמק הבכא, חנוך טוער וועלכע זוכען מיטלען צו דערציהען א גוטען באַוואוסטזיניגען אידישען דור א. א. וו. דעם רבי'נס טיר איז אָפען פאר אלעמען, אָן אויסנאַם, און זיין ליבליכער שמייכעל און ליכטיגע אויגען עפענען בא אייך די אינטימסטע קעמערלעך פון האַרצען, מיט דעם גרעסטען צופארטרויען צו זיינס א וואָרט. שטעהענדיג ביים רבי'ן פארלירט איהר זיך און באַקומט גלייך דעם גרעסטען יראת הכבוד, איהר פיהלט אז איהר געפינט זיך אין אן אנדער עולם, א העכערע וועלט, וואו אלע זאכען פון טאָג טעגליכען לעבען זעהען אויס אזוי נישטיג קליינליך. איהר ווייסט אליין ניט פאר וואָס דאָס איז, אָבער איהר קענט ניט פארלייקענען דעם פאַקט, איהר דערפיהלט אין איהם — אפילו צום ערשטען מאָל זייענדיג בא איהם — א ליבליכען טרייען פריינד, און דאָס איז דער סוד פון זיין אומבאַגרעניצטע אהבת ישראל, צו יעדען אידען ווער ער זאָל ניט זיין, און אין וואָס פאר א מצב, בגשם וברוח, יענער זאָל ניט זיין. עס איז דאָ אין רבי'נס פלאַץ, אַ וועלט פאר זיך, אַ וועלט פון ריינעם אמת, פון קדושה ורוממות, איהר מוזט פארגעסען

אויף דעם אייגענעם איך, און זיינע קלאָהרע קורץ געפּאַסטע פּראַזען וואַרימען אייך און עפענען אייך די אויגען און האַרץ. אזוי איז שוין די אייגענשאַפט פון די נשיאי חב״ד. און דערום איז גאַנץ פאַרשטענדליך פאַר וואָס דער ליובאַוויטשער רבי געניסט דעם צוטרוי פון אלע אידען, און איז דער ריכטיגער מנהיג ישראל.

* * *

אויף שבת פ׳ שמות — כא טבת — איז דעלעגירט געוואָרען צום רבי׳ן א חשוב׳ע דעלעגאַציע פון שיקאגא, צו אינפאָרמירען דעם רבי׳ן וועגען דעם גאַנג פון דער צוגרייטונגס־ארבעט, צו באראטען זיך וועגען די אַנדערע נאָך נויטיגע פאָרבאַרייטונגען, און פערזענליך צו איבערגעבן דעם רבי׳ן די איינלאַדונג, אין נאָמען פון שיקאגער אידענטום, צו באַזוכען שיקאגאָ.

דער שבת איז געווען גאָר א געהויבענער. וויסענדיג אז געוויס וועט דער רבי לכבוד האורחים הנכבדים זאָגען תורה און אויך א חסידישען שמועס, זיינען פילע מנינים פון ניו־יאָרקער אידען, און ספּעשעל חסידים און תלמידים, געקומען שבת צום רבינ׳ס טיש. דער רבי האָט געזאָגט תורה און איניגע שמועסן וועלכע האָבען געדויערט מעהרערע שטונדען.

צוליב פארשידענע עניני הכלל און הצלת נפשות, איז דער באַזוך אָפּגעלייגט געוואָרען אויף זונטאָג ז׳ שבט. די צוריקקומענדע דעלעגאַציע האָט מיטגעבראַכט די גוטע נייעס פון רבי׳ן, און די אַרבעט פון די קאָמיטעס איז פיבערהאַפט פאָרגעזעצט געוואָרען.

* * *

זונטאָג ז שבט נאָך מיטאָג האָבען אָנגעהויבען שטראָמען מאַסען מענשען צום ריילראוד סטיישאָן, און כדי צו פארמיידען עקסידענטען האָט די ריילראוד אדמיניסטריישאָן געאָרדענט אז צום טרעק זאָלען זיין נאָר א באגרענעצטע צאָהל מענשען, פארטרעטער פון די קאָמיטעס און רבנים.

א גרויסע דעלעגאַציע פון רבנים און בע״ב פון שיקאגא און אומגעגענד מיט דער ליי־טונג פון דער אגודת חסידי חב״ד אָן דער שפּיץ, זיינען ארויסגעפאָהרען איניגע סטיי־שאָנס פריהער צו מקבל פנים זיין דעם גאַסט.

4:40 אָוועגד קומט אָן דער טרעין, אלע בליקען זיינען געווענדעט צום וואגאָן ארויס־גאַנג, און ווען דער רבי שליט״א באווייזט זיך אין טיר, הערט זיך אַ הילכיגער אויסגעשריי „ברוך הבא !״

דער זעלבער בילד, נאָך מיט מעהר ענטו־זיאַזם, חזר׳ט זיך איבער פון דעם פיל טויזענד קעפּיגען עולם וועלכער איז פאַרזאַמעלט אין האָל פון דיפּעל, ווען דער רבי באַווייזט זיך אין האָל, באַגריסט זיך מיט דעם עולם, און פאָהרט אָפּ מיט זיינע באַגלייטער אין דעם פאַר איהם צוגעגרייטען האָטעל.

דער עולם איילט זיך אין האָטעל, וויסענדיג אז באַלד נאָך דעם אָנקומען אין האָטעל, וועט דער רבי זאָגען תורה און אפשר אויך א פּאָר ווערטער צום עולם, וועגען דער באדייטונג פון זיין קומען אין שיקאגא.

דער ריזיגער עולם שטראָמט אין דעם גרוי־סען זאַל פון האָטעל. יעדער באַמיהט זיך צו זיין וואָס פריהער, בכדי צו פארנעהמען א בעסערען נעהנטערען פּלאַץ, צו קענען בע־סער זעהן דעם רבי׳ן און הערען די תורה און די רייד.

דער פון אַלעמאָל געמיטליכער רוהיגער האָטעל איז פארוואנדעלט געוואָרען אין א רוישיגען פּלאַץ. פארשלאָפענע נשמות, גלות אָפּריכטענדיגע אין פליישיגע גופים, האָבען זיך ערוואַכט, א געטליכע מאַגנעטישע קראַפט ציהט זיי און רופט זיי אין דעם פּלאַץ, עפּעס פיהלט זיך די נשמה דאָ היימליך, עס איז איהר סביבה, די נשמה איז זיכער און מונטער, און זי ווערט די טאָן געבעריין מיט אן איי־גענארטיגער דרייסטקייט. זי ווייסט און פיהלט, אז אָט דאָ — אין דעם גרויסען אידען

קדוש וטהור — האָט זי איהר געטרייען באַשיצער און פארטיידיגער, דעם מוטיגען מסירות נפש'דיגען קעמפער פאר תורה ויהדות, דאָ איז דער אָרט וואו זי קען זיך אָנשעפּען מיט קדושה, מיט רוממות, דאָ שטילט זי איהר בייגקשאַפט צו א העכערען גייסטיגען לעבען, און דאָ איז דער אָרט וואו זי קען אָנגעהמען מוט און כח צו אויספיהרען די כוונה עליונה פון ירידת הנשמה בגוף. דאָ זעהט זי און הערט אז די יעצטיגע צייט איז דער עלות השחר פון דער אידישער גאולה, און ווען איהר האָט די זכי׳ צו רעדען מיט דעם רבי'ן פערזענליך פיהלט איהר דאָס, איהר לעבט דאָס איבער, איהר זעהט דאָס דייטליך קלאָהר, מען דארף אייך ניט ארגומענטירען און דערקלעהרען, איהר פיהלט דאָס אין אלע אייערע רמ"ח אברים. דאָס איז דער געטליכער כח, די השראת השכינה, מיט וועלכע דער ליובאַוויטשער רבי איז באַשאָנקען געוואָרען פון דער השגחה עליונה.

* * *

פונקט אַכט אזייגער אָוועגד קומט אריין דער רבי אין דעם איבערפילטען פון אָנגעקומענעם עולם זאַל, פון וועמען ער ווערט באַגריסט מיט אַ ברוך הבא אויסגעשריי. דער רבי בעט דעם עולם צו זעצען זיך, און עס הערט זיך די שטימע פון רבי'ן:

אויף אייער אהבת ישראל'דיגען שלום עליכם ענטפער איך עליכם שלום. דער מנהג בא אונז איז, אז די ערשטע באגעגעניש און באקאנטשאפט מיט אידען איז דורך תורה, און דארום וועלען מיר רעדען א מאמר חסידות.

און, באַ שטיל שווייגען און רוהיגקייט, הויבט אָן דער רבי דעם מאמר „בטח בה׳ ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה".

דער עולם הערט זיך צו מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס צו יעדער וואָרט פון רבי'ן און נעהמט ניט אראָפּ די אויגען פון זיין ליכטיגען פנים. אין דעם מאָמענט ווען דער רבי רעדט די תורה, פאַרשווינדט די בלאַס קייט פון זיין הייליגען פנים, און ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ פלאַם פייערדיגקייט, איהר זעהט אַז דער גאַנצער חיות איז אין דעם מאמר, עס איז ניט א מענש זאָגט תורה, נאָר תורה רעדט דורך זיין הייליגען מויל, מיט א געטליכען אש שלהבת י"ה. און אָבוואָהל די רעיונות און דברי מוסר זיינען טיפע השכלה, ניט פאר אלעמען פאַרשטענדליך אין דעם ערשטען אויגענבליק, — ווייל חסידות מאָהנט א געוויסע הכנה, און הקדמה פון ידיעות, ווי יעדער חכמה האָט זיך איהרע תנאים און יסודות, — דאָך פיהלט איהר ווי יעדער וואָרט דרינגט אריין אן קאָפּ און האַרצען, עס פרישט אָפּ, עס וואַרעמט אייך דער געטליכער פייער, די נשמה ווערט דערקוויקט, און עס גיט אין אייך אריין א פריש לעבען און מונטערקייט, איהר פיהלט ווי יעדער אויסשפּראַך פון דעם דבר מוסר איז געצילט צו אייך, עס רעדט צו אייערע געפיהלען, און איהר ווערט דערוועקט מיט א התעוררות תשובה חרטה על העבר וקבלה טובה על להבא. אָט דאָס איז דער סוד פון דעם דבר ה׳ וועלכער רעדט צו אייער נשמה, איבער די גוף געוואוינהייטען און זינלאָזע מעשים.

בא א דריי פערטעל שעה געדויערט דער מאמר, און עס גלויבט זיך אייך קוים, אַז דאָס האָט גענומען אזוי פיל צייט, עפּעס זייט איהר דענסטמאָל אין א למעלה מן הזמן געפיהל.

דער רבי פארלאָזט דעם זאַל און דער עולם באַגלייט איהם מיט א געזאַנג פון „כי בשמחה תצאו".

א גרויסער עולם פון די פאַרזאַמעלטע און ספעציעל די רבנים און יודעי תורה פאַרבלייבען נאָך לאַנג אין זאַל, און ריידען איבער די דברי תורה וועלכע זיי האָבען געהערט פון רבי'ן. מען דינגט זיך גאַנץ פעסט, צי דער רבי האָט געזאָגט מיט דעם לשון, אָדער אַנדערש, ווייל חסידים ווייסען אַז יעדער וואָרט וואָס דער רבי רעדט, איז געוואויגען און געמאָסטען. זעהענדיג די שטרייטען פון

די חסידים פאר יעדער וואָרט, לאָזט דאָס אייך פיל נאָכצודיינקען, וואָס עס מיינט פאר חסידים דעם רבי׳נס אַ וואָרט, ספעציעל ווען דעם וואָרט הערט אַ חסיד פון רבי׳ן דירעקט גערעדט צו איהם.

* * *

אין די רומס פון האָטעל באַגריסען זיך מענשען איינער מיט דעם צווייטען, דאָ טרעפען זיך אַלטע פריינד און באַקאַנטע, און מען טיילט זיך מיט די איינדרוקען פון יעצט, און מען געהט ביסלעכווייז בהדרגה׳דיג ארויף אויף די זכרונות פון דער אלטער היים, ווען מען האָט געהערט חסידות פון רבי׳ן אין ליובאַוויטש, אָדער דורך די שוד״רים וועלכע פלעגען ברייגגען די תורה מאמרים פון רבי׳ן אין די שטעדט און שטעדטלעך, זאָגאר אין די ווייט פארוואָרפענע ישובים. עס פיהלט זיך אַ געהויבענע שטימונג, עס פאַרשווינדען די אָנגעצויגענקייט און שטייפקייט, און מען פאַרגעסט לחלוטין, אַז איהר געפינט זיך אין שיקאגא. איהר פיהלט און לעבט איבער די אַלטע היים מיט איהרע אלע גוטע אידישע תורה׳דיגע און חנ׳עוודיגע מנהגים. איהר הערט אייך גוט באקאנטע נעמען פון ד׳ אלטע חסידים. פילע צייגען אָן, אַז דער איז געווען זיין פעטער, זיין קאָזין, זיין קרוב, און שטאָלצירט דערמיט. אָט דאָס איז די אמת׳ע אידישע נקודה, ניט רייכטום איז דער שטאָלץ פון א אידען, נאָר דער תורה׳דיגער אָפשטאַם, וועלכער ווערט קיינמאָל ניט פאַרגעסען, זאָגאר ווען אליין איז מען שוין אפילו ווייט אוועק פון זיי. דאָ ביים רבי׳ן זעהט איהר טאַקע די ברידערליכע באַהאַנדלונג אָן אונטערשייד צי אָרים אָדער רייך, די באַציהונג פון די חסידים צו יעדען איינעם, אפילו למי שהחמיץ. עס איז דער גרויסער סוד פון אהבת ישראל וואָס איז דער יסוד פון שיטת הבעש״ט און וועלכער ווערט געלערענט און געפלעגט דורך נשיאי חב״ד: האָלט האָבען אַ אידען, ווער ער זאָל ניט זיין און וואו ער זאָל ניט זיין.

ניט קוקענדיג אויף דער שפעטער שעה, און די וועג מידקייט, נעהמט נאָך אויף דער רבי די סעקרעטאַרען, און גיט זיי פארשידענע אָרדערס, וועלכע באַשעפטיגען זיי שפעט אין דער נאַכט. דעם ליובאַוויטשער רבי׳נס טעטיגקייט איז א פילפאַכע קאָמפליצירטע מאַשין, וועלכע קען ניט אָפגעשטעלט ווערען אויף אַ מינוט. לאַנג דיסטאַנץ טעלעפאָנען און טעלעגראַמעס גרייכען צום רבי׳ן אויך אהער פון אַלע טיילען וועלט, און פילע פון זיי מוזען מאָמענטאַל בעאנטוואָרטעט ווערען. אויך אין זעלבען אָווענד שרייבט אָן דער רבי די תורה וואָס ער האָט ערשט געזאָגט, און שוין צומאָרגענס פריה זיינען פאראן איניגע קאָפיעס, וועלכע ווערען געלערענט פון די חסידים.

* * *

צומאָרגענס, מאָנטאָג פריה, זעהט איהר שעהנע הדרת פנים׳דיגע אידען דאווענדיג געשמאַק און פאַרטיפט אין דעם האָל פון האָטעל, וועלכער איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ רעגעלען בית מדרש. איהר הערט זיך צו צו די נגונים טענער וועלכע באַגלייטען יעדען וואָרט פון נוסח התפלה, און זיי שניידען זיך אריין אייך טיף אין האַרצען. עס באַצויבערט און היפנאָטיזירט אייך, אַז איהר קאָנט זיך ניט אָפרייסען. איהר פיהלט ווי די אידען שמועסען זיך דורך מיט׳ן בורא עולם, א געמיש פון שמחה און תחנונים צוזאַמען, איהר הערט אַ וייכע שטימע פון כל הנשמה תהלל י״ה, און בעטענדיגע רחמנות שטימע פון אַ ועלו מושיעים בהר ציון, א ליבע אויסגוס פון אהבת עולם אהבתנו און א מסירות נפש אויסדרוק פון אַ שמע ישראל. איהר זעהט ווי די אידען זיינען צונויפגעשמאָלצען מיט די ווערטער פון דאַווענען, און אין דעם מאָמענט עקזיסטירט ניט פאר זיי קיין זאַך אין דער וועלט, עס איז א דביקות מיט א התלהבות און א שפיכת הנפש פון א נשמה צום בורא, א צמאון און געגועים פון א כלות הנפש להשתפך בחיק אבי׳ יתברך ויתעלה. דאָס איז א חסידישער דאווענען. אזא בילד מוז בא

אייך ארויסרופען קנאה און ביינקשאַפט, פארוואָס איז מען אליין אויך ניט אין אזא מעמד ומצב.

* * *

צעהן אזייגער מאָנטאָג פריה, קומען אָן מעהרערע רבנים פון שטאָדט וועלכע ווערען איינגעלאַדען צום רבי׳ן. דער רבי דערקלעהרט זיי דעם ציל און באַדייטונג פון זיין באַזוך, און וואָס עס דאַרף אויפגעטאָן ווערען לטובת העיר והצבור היהודי.

דער רבי זאָגט אַז די אידישע האַרץ איז גוט און אָפען, מען דאַרף נאָר וועקען, ניט לאָזען איינשלאָפען. ספעציעל אין דער צייט, ווען עס בושעווען אזעלכע קאַלטע פארניכ־טענדע ווינטען טאָר מען ניט לאָזען אריינ־פאלען אין יאוש ח״ו. עס איז דער עלות השחר פון לאלתר לגאולה, און אין דער צייט טאָר מען ניט איינשלאָפען מען זאָל ח״ו ניט פאַרשלאָפען די צייט.

אין פארלויף פון טאָג באַזוכען דעם רבי׳ן פאַרשידענע דעלעגאַציעס און פערזאָנען פון שיקאַגאָ און אומגעגענד. יעדער פון זיי געהט ארויס פון רבי׳נס חדר א פריש דערמוטיגטער, א נייעם לעבען אריינגעגעבען אין זיי.

אין אָווענד זיינען זיך צוזאמענגעקומען די רבנים פון מרכז הרבנים פון שיקאגא צו ערטיילען דעם רבי׳ן דעם כבוד התורה. דער רבי, נאָכ׳ן באַגריסען זיך מיט יעדען איינעם פון זיי, זאָגט: אַז ער בעט זיי צו באַקענען איהם מיט דעם מצב העיר ומוסדות התורה והחסד, וואָס איז געטאָן געוואָרען אויף דעם געביט, און וואָס דאַרף נאָך געטאָן ווערען. אייניגע עלטערע רבנים שטעלען פאָר דעם מצב. דאן ווענדעט זיך דער רבי צו זיי, אַז די רבנים מנהיגי העדה דארפען וויסען זייער אחריות׳פולע באַ־נעהמונג צו דער עדה. דער זמן אליין רעדט פאר זיך. עס איז א הוראה באצבע, און מען מאָהנט תשובה בפועל אָן פשרות און אָן היתרי׳ם פראָשקעס, ער דערקלעהרט זיי אויך דעם צוועק פון זיין באַזוך און בעט מיטהעל־פען אין זיין שליחות לכבוד התורה ולומדי׳.

אינ׳ם מאָמענט ווען דער רבי רעדט צו די רבנים, הערענדיג די שטריינגע רייד פון אַ מוכיח און צוגלייך די פאָטערליכע באַנעהמונג, ווי א געטרייער רועה ישראל, זעהט איהר אין איהם די פאַרקערפערונג פון חסד וגבורה צוזאמען, די ריכטיגע געשטאַלט פון תפארת ישראל סבא. איהר פיהלט און זעהט באַ־שיינפערליך די ערענסטקייט פון דעם מאָמענט, די חבלי לידה וועלכע דער אידישער פאָלק געהט דורך, און צוגלייך די ליכטיגע שטראַ־לען פון דער פאר אידען גאָר אינגיכען אויפ־געהענדער זון. איהר לעבט איבער און פיהלט אז יעדער איינער קאָן זיין דער מכריע את כל העולם כולו לכף זכות און ח״ו להיפך. ובנו הדבר תלוי. א ריכטיגע התעוררות תשובה, וועלכע זאָל צוברייגען צו מעשים, וועט געוויס פאַרגריגערען די חבלי משיח, און צואיילען דעם ביאת המשיח בב״א.

* * *

אַזוי יעדען טאָג, טאָג איין טאָג אויס, שטראָמען צום רבי׳ן דעלעגאַציעס און יחי־דים פון נאָהענט און ווייט. דער רבי פרעגט אויס דעם מצב פון זייער געמיינדע און גיט זיי די געהעריגע אָנווייזונגען ווי צו פאַרבע־סערען דעם מצב התורה והיהדות. ער בעט זיך תחנונים בא יעדען איינעם, רחמנות צו האָבען אויף זיך און זיין פאַמיליע, צו אָפ־היטען אליין די אלע מצות מעשיות און אויך באַוועגען אַנדערע צו דעם. אָן קיין ספק אז פילע בעלי תשובות זיינען געוואָרען פון די שמועסען, און פילע אידען זיינען ארויפגע־פיהרט געוואָרען אויפ׳ן דרך הישר פון קיום התורה והמצות.

אונטער דער צייט האָבען דעם רבי׳ן באַזוכט די רעדאַקטאָרען פון דער אידי־שער און ענגלישער פרעסע פון שיקאַגאָ, און גאַנצע קאָלומס זיינען דערשינען טאָג טעג־ליך אין דער פרעסע וועגען דעם רבי׳נס באַ־זוך און זיינע לייסטונגען לטובת כלל ישראל.

מיטוואָך אָוונד זיינען געקומען באַזוכען דעם רבי׳ן איינינע תלמוד תורה אנשטאַלטען — די קינדער אין באַגלייטונג פון זייערע מלמדים.

די קינדערלעך זיינען אריינגעפיהרט געוואָרען צום רבי׳ן. זייערע פנימ׳לעך שטראַלען פון פרייד. דער רבי קוקט זיך איין אין זייערע יונגע נשמה׳לעך, באַטראכט יעדען איינעם באַזונדער, מיט א ליבליכען שמייכעל, און דאן רעדט ער צו זיי. ער דערקלעהרט זיי, וואָס עס מיינט זייער לערנען, די באַדייטונג פון זייער ערבות, וועלכע איז געגעבען געוואָרען בעת קבלת התורה. ער בענשט זיי, זיי זאָלען אויסוואַקסען אידען לומדים און יראי שמים, און אין זייער זכות זאָלען געבענשט ווערען אויך זייערע עלטערען.

אַ באַזונדער שמועס רעדט דער רבי פאר די לעהרער און מדריכים: זייער אחריות, וואָס אין זייער האַנד ליגט דער נפש פון קינד און זיינע דורות הבאים, ער פאַרלאַנגט פון די לעהרער עס זאָל געשאַפען ווערען אַ אגודת המורים, ניט פאר פינאַנציעלע צוועקען, נאָר צוליב רוחניות. צוזאמענקומען זיך און זוכען עצות און מיטלען ווי צו אריינברייגען יראת שמים אין די יונגע הערצער און מוח׳לעך און דורך זיי אויך ווירקען אויף די עלטערען און זיי מחזיר למוטב זיין.

* * *

מיטוואָך אָוונד — יוד שבט — ווען עס פאַלט אויס דער יאָהרצייט פון הרבנית הצדקנית מרת רבקה נ״ע (דעם רבי׳נס באָבע) האָט דער רבי געזאָגט פאר איינינע יחידים א מאמר תורה: אין עומדין להתפלל אלע מתוך כובד ראש. ווי געוועהנליך האָט ער נאָכדעם ארויסגעגעבען דעם מאמר בכתב. חסידים האָבען ווידער זיך געפרעהט: נאָך א מאמר תורה זוכה געווען פון רבי׳ן. עס איז באַוואוסט בא חסידים דעם רבי׳נס וואָרט, אז כל התקשרות איז דורך תורה, און האָבענדיג נאָך א חסידות מיינט דאָס נאָך מעהר התקשרות — ווען מען לערענט די חסידות — וואָס דאָס שטעלט אוועק אין א העכערער דרגא פון עבודה און השפעות רוחניות, ווייל כל השפעה איז דורך דעם צדיק, און כל הקרוב — קרוב יותר לברכה (ווי עס ווערט דערקלעהרט בארוכה אין מאמרי חסידות).

דאָנערשטאָג אָוונד באַזוכט דעם רבי׳ן די פרויען קאָמיטע מיט זייערע מענער, וועלכע אראַנזשירען די אונטערנעהמונג לטובת דעם פדיון שבוים פאָנד און החזקת הישיבות תומכי־תמימים וועלכע ווערען אָנגעפיהרט פון רבי׳ן שליט״א, און בעטען זיין ברכה און הצלחה אין זייער ארבעט.

* * *

אַ באַזונדער קאַפּיטעל איז דער שבת — פ׳ בשלח — טיש. ניט קוקענדיג אויף דעם שלעכטען וועטער, וועלכער איז געווען יענעם שבת, א ברענענדיגער פראָסט מיט אַ שניידענדען ווינט, זיינען געקומען פילע רבנים און בע״ב און אויך אורחים פון דער סביבה צו זיין ביי דער סעודת שבת.

אַרום דריי אַזייגער, ווען דער רבי האָט פאַרענדיגט דעם דאַוונען, געהט דער רבי ארויס צום טיש. די מנגנים זינגען חב״דישע נגונים, דביקות׳דיקע און שמחה׳דיגע, און דער רבי רעדט וועגען דער מכילתא פון ויחנו ברפידים שרפו ידיהם מדברי תורה. נאָך דעם שמועס איז דער עולם ממשיך מיט נגינה. דער רבי רעדט ווייטער וואָס עס מיינט חינוך, ווי דער מהרש״ל האָט זיך געפיהרט שבת פרשה בשלח, און דאן זאָגט דער רבי א מאמר תורה.

זיצענדיג מיט׳ן רבי׳ן ביים טיש, פיהלט איהר אזא נעימות׳דיגקייט, אזא אצילות׳דיגקייט, וועלכעס איז ניט ארויסצוגעבען אין ווערטער. איהר פאַרגעסט אויף צייט און אָרט, איהר שוועבט אין עולמות עליונים. יעדער וואָרט און סיפור פון רבי׳ן איז א הוראה און הדרכה אין לעבען, עס איז אייך נוגע בגוף ונפש, אייך און אייערע קינדער. יעדער סיפור עפענט די אויגען צו פארגלייכען דעם

מצב אין וועלכער איהר געפינט זיך, און אין וועלכען איהר קענט און דארפט זיך געפינען. איהר ערפאַרט די נויטיגע מיטלען, וועלכע מ'דאַרף אָנוועגדען צו פאררכיטען און אויסבעסערען אייער מצב.

דאָס, אין קורצען, איז דער פועל יוצא, די ווירקונג און די מסקנא וועלכע איהר קריגט זיצענדיג ביים רבי'נס טיש.

* * *

שבת נאַכט איז אָנגעקומען די ידיעה אַז דעם רבי'נס מוטער הרבנית שטערנע שרה נ"ע איז נסתלק געוואָרען. די ידיעה צושטערט די שמחה, און מאַכט אונמעגליך פאַר'ן רבי'ן צו פאַרבלייבען אין שיקאגא די צייט וועלכע איז געווען באַשטימט פאר זיין באַזוך. די ידיעה מאַכט א דערשיטערענדען איינדרוק אין דער גאַנצער שטאָדט און זעלבסטפאַרשטענדליך אַז די געפלאַנטע פאַראַנשטאַלטונגען וועלכע האָבען געדאַרפט פאָרקומען, זיינען צושטערט געוואָרען. דער עולם האָט אָנגעהויבען שטראָמען צו כאַפּען כאָטש אַ בליק אויפ'ן רבי'ן איידער ער פאַרלאָזט שיקאגא.

דער רבי האָט גערייגקט אָפצופאָהרען נאָך שבת נאַכט, אָבער די פאַרזאַמעלטע שיקאגער רבנים האָבען באַשלאָסען צו בעטען איהם ער זאָל פאָהרען מאָרגען, צוליב געוויסע טעמים וועלכע זיי האָבען איינגעפונען.

דער רבי האָט גענטפערט:

כאָטש איך האָב גערעכענט פאָהרען היינט, דאָך וועל איך טאָן ווי די רבנים זאָגען. פון דעם טאָג פון דער הסתלקות פון מיין פאָטער כ"ק אדמו"ר הרה"ק זצוקללה"ה איז בא מיר צוגענומען געוואָרען מיין „איך". איך טו ניט וואָס איך וויל, נאָר וואָס מען דאַרף, און אז די רבנים הייסען אזוי, וועל איך דאָס טאָן.

מען האָט געזעהן אין דער שמערצליכער פאסירונג דעם העלם והסתר, פון דעם גלות־דיגען הסתר אסתיר, וועלכע דערלאָזט ניט אַז גרויסע מעשים און די התעוררות תשובה וועלכע דער רבי האָט אַריינגעבראַכט אין שטאָדט, זאָל נאָך מעהר פאַרגעזעצט און איינגעפונדעוועט ווערען. יעדערער האָט זיך געפיהלט שולדיג אין דעם ניט זוכה זיין צו האָבען דעם רבי'ן דאָ אין שטאָדט כאָטש נאָך איניגע טעג.

אויף דער אונטערנעהמונג פון די פרויען, ווי אויבען דערמאָהנט, צו וועלכער עס זיינען געקומען מענשען פון פאַרשידענע ריכטונגען און שאַטירונגען, ברייגענדיג זייער ביישטייער צום פדיון שבוים פאָנד און התוקת הישיבות תומכי תמימים, ווערט דורכגעלייענט דעם רבי'נס בריף — געשריבען פון סעקרעטער און דיקטירט פון רבי'ן — וועלכער מאַכט אַן אומגעהויערען איינדרוק.

* * *

זונטאָג — י"ד שבט — נאָך האַלבען טאָג, פאַרלאָזט דער רבי שיקאַגאָ. אַ גרויסער עולם באַגלייט איהם צום טריין, מיט דעם אויפריכטיגען וואונש, אַז דער רבי זאָל זיין געזונד און זיי זאָלען זוכה זיין צו האָבען איהם נאָך אַמאָל צו גאַסט אין שיקאגא, מיט א פרעהליך האַרץ און מתוך ישועות ונחמות לכל ישראל, לאלתר לגאולה.

הרב מ. ל. ר.

# הוספה

## שבט תש״ב.

א״זי[1] הרבנית הצ׳ וכו׳ מרת ש״ש נ״ע נפטרה יג׳ שבט בקר ש״פ בשלח שעה י׳ וחצי לערך. הקבורה יום ב׳ טו׳ שבט אחה״צ.

כ״ק מו״ח אד״ש הי אז בטשיקאגא[2]. נמסר מהפטירה ע״י הטליפון ביום ש״ק. אבל אחרי הישוב שם, לא הגידו לו אלא במוצש״ק.

הרבנים שם החליטו, כי בכ״ז יקבל אנשים ליחידות במוצש״ק וכן ביום א׳, וכן הי׳.

כ״ק אד״ש בא לנ.י. יום ב׳ בקר.

---

1) = אמי זקנתי הרבנית הצדקנית וכו׳ מרת שטערנא שרה נשמתה עדן.

לשלימות הענין – מועתקת בזה גם רשימת כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ (נדפסה בסה״ש תרפ״א ע׳ 13 הערה 12), וז״ל:

הרבנית הצדקנית מרת שטערנא שרה בת הוד כ״ק אדמו״ר הגאון חסידא ופרישא כבוד קדושת שם תפארתו מרנא ורבנא ר׳ יוסף יצחק – מהריי״צ בן הוד כ״ק אדמו״ר הגאון המפורסם חסידא ופרישא כבוד קדושת שם תפארתו מרנא ורבנא הר׳ מנחם מענדל בעל צמח צדק. – ובת הרבנית הצדקנית מרת חנה – בת הוד כ״ק אדמו״ר הגאון חסידא ופרישא כבוד קדושת שם תפארתו מרנא ורבנא הר׳ יעקב ישראל זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע.

הרבנית מרת שטערנא שרה נולדה בחמשה עשר לחדש טבת תר״כ בעיר ליובאוויטש. והיא בת השני׳ להורי׳ נ״ע.

הרבנית שטערנא שרה היא הרבנית החמישית בשלשלת נשיאי חב״ד, בחכמתה הגדולה ובתבונתה הכי רבה ובמדותי׳ הטובות פעלה ועשתה לטובת משפחת בית רבי, לטובת החסידים, וביחוד התענינה בהחזקת ישיבת תומכי תמימים. יסדה אגודת נשים עולמי והחזיקה את כל תלמידי המכינות אשר על יד ישיבת תומכי תמימים. בנסוע הוד כ״ק אישה אדמו״ר הרה״ק מוהרש״ב לחוץ למדינה היתה הרבנית מעתקת את מכתביו ואגרותיו בעניני הכלל ועוזרת על יד קדשו, כמבואר בדברי ימי נשיאי חב״ד.

בשתי שנים האחרונות היתה חלושה והיתה תחת השגחתם של רופאים מומחים, וכשלשה חדשים האחרונים היתה שוכבת במטתה וגם אז שמרה את סדר עבודתה בקדש בתפלה במתינות שלשה פעמים ביום ובאמירת תהלים קודם התפלה ואחרי התפלה ושיעורי לימוד בספרי מדרש ואגדה ודברי חסידות.

בשבת קודש בשלח בשלשה עשר לחדש שבט תש״ב קודם התפלה אמרה: היינט איז שבת שירה בעדאַרפמען גאָר אַנדערש דאַוונען. ובאמצע התפלה – בפזמון נשמת כל חי – בשלשת רבעי שעה האחת עשרה נסתלקה והשיבה נשמתה אל האלקים כשהסידור תפלה בידי׳, ומ״כ בבית החיים של אגודת חסידי חב״ד בעי״ת נויארק יע״א. עכ״ל.

וראה עוד אודותה – תורת מנחם התוועדויות ח״א ע׳ 3 הערה 2. ע׳ 4. ח״ב ע׳ 221.

2) אודות נסיעה זו – ראה לעיל ע׳ 4 ואילך, נדפס לאח״ז בתרגום ללה״ק בספר התולדות אדמו״ר מוהריי״צ ח״ד פ״ח.

בגזירת הרבנים לא הי' מהמלוים לביה"ח[3], כי מפני שהתקרר, אסורה עליו היציאה מביתו החוצה.

ביום ש"ק — קודם שהגידו לכק"ש כו' — הי' בנוכחיותו התועדות ודא"ח[4].

יום א' וב' הניח תפלין בלא ברכה — כן שמעתי מהרש"ל[5].

צוה שהארון יהי' מקרשי השלחן שלומדים עליו בישיבה[6]. עד הקבורה יאמרו יומם ולילה תילים בעשרה בחדרה, אבל לא משניות. בעשית הטהרה יחכו לביאתם מטשיקאגא.

כשנכנסתי אליו בהרכבת — לא נתן שלום — : אַף מס"נ דאַרפען אויך האבען א זכות. דארט — בטשיקאגא — איז געוען א הזזה, ואס מ'האט עס גארניט משער געוען. — יום א' הנסיעה מכאן לטשיקאגא, התענה. בלילה דא"ח[7]. לא נט"י לסעודה רק בש"ק —

סיפר: גם א"ז[8] — בתרע"ד — הי' מיתה פתאומית. ביקשה הסי'[9], ובגמר התפלה לקחתי מידה הסי', הניחה ידי' על ראשי, ואמרה א יישר כח פאר דער טרחא. הלכתי להניח הסי' על מקומו — כנראה שם בחדר — ובחזירתו כבר נח נפשה. כשספרתי הדברים במענטאן[10] בנוכחיות אמי, אמרה: איך וינש זיך אַזוי[11].

ציוה לקבור ראשה למערב ורגלי' למזרח. הרש"ל יאמר קדיש. עשרה רבנים יבקשו מחילה קודם הורדת הארון לקבר — ע"פ החוק מוכרחים לקבור בארון, ועשו בתחתיתו נקבים כמוציא רמון ויותר[12] — וגם יודיעו,

---

3) = לבית־החיים.

4) ד"ה שחורה אני ונאוה גו' (סה"מ שם ע' 95 ואילך).

5) הרה"ח ר' שמואל הלוי לעוויטין — ראה אודותו בסה"ש תרפ"ה ע' 85 הערה 12.

6) ראה גם לקו"ש ח"ד ס"ע 1096 ואילך. וש"נ.

7) ד"ה בטח בד' ועשה טוב גו' (סה"מ שם ע' 83 ואילך).

8) = אמי זקנתי. — הרבנית הצדקנית מרת רבקה, אשת כ"ק אדמו"ר מהר"ש נ"ע, נסתלקה יו"ד שבט תרע"ד (קונטרס „חנוך לנער" ע' 15. „היום יום" י שבט).

9) = הסידור.

10) בעת פטירת הרבנית הצדקנית מרת רבקה, הי' בנה כ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע עם זוגתו הרבנית הצדקנית מרת שטערנא שרה — במענטאן (קונטרס „חנוך לנער" שם), ולאחרי הלוי' נסע כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע למענטאן אל אביו, לנחמו ולספר לו ממהלך הענינים (ראה אגרות־קודש אדמו"ר מהורש"ב ח"ב ע' תשפא).

11) וראה גם רשימת כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ (שבהערה 1) שנסתלקה „באמצע התפלה .. כשהסידור תפלה בידי"".

12) ראה ס' דרכי חסד (נ.י. תשל"ה) ח"א סי"ז ס"א־ב. וש"נ.

שרבנים גזרו עליו שמפני זהירות הבריאות לא יהי׳ ללות לביה״ח, ומבקש מחילה ע״ז.

ה„צעטעל״ הנמצא יניחו בידה הימנית – ככתוב בצואה – ויכפפו האצבעות באופן שלא ישמט. וכן הי׳.

אחרי הטהרה נכנס להחדר, ובמעמד כמה אנשים, קריעה ע״י מ׳ שי׳ קונין[13], ההתחלה, וגמר ע״י עצמו[14], הסיורטוק זשילעט והחלוק. אח״כ ציוה לגלות פני המתה, על איזה רגעים. חזר לחדרו. ציוה שיכניסו המטה לביהכנ״ס ויקיפו פעם אחת את שולחן הקריאה. כשיוציאו מהחדר ילכו לאט לאט, והוא ילוה עד המדריגות – הרבה יותר מד״א[15] –

בחזרה מביה״ח קרע עוה״פ – ע״י רח״ל[16] – אבל א״י[17] אם שהקריעה הא׳ לא היתה כדין או מטעם אחר.

סעודת הבראה[18], כמדומה, קודם מנחה, בייגעל וביצה צלוי׳, אכל משניהם בנט״י וברהמ״ז. ציוה שלא יאכלו השירים.

התפלל מנחה. צוה שפטום הקטורת יאמר אחר בקול רם, כי ברבים אין האבל אומר זה[19].

אחר התפלה קאפ׳ מט׳, וכן אחר תפלת שחרית[20]. אומר תתקבל[21]. א״א ברכת כהנים בשחרית[22]. מניח גם תפלין דר״ת[23] ושמ״ר.

אחר התפלה ציוה שיצאו מחדרו, ויכנסו חזרה, ישבו ואח״כ נחום אבלים. – הי׳ איזה פעמים שציוה שלא יחכו עד שיפתח הוא.

– כל משנה גמרא ובריתא שבסדר התפלה יאמר אחר – אמרם וויילער[24] והרש״ל – כי ברבים אין האבל אומרם, אבל בפ״ע אומרם. – וכן הי׳ בנוגע לר׳ ישמעאל ותדב״א כו׳ אר״א אר״ח[25] – וה״ה לשיעור תילים

---

13) הרב מנחם מענדל קונין. – מחברי ההנהלה דאגודת חסידי חב״ד.

14) ראה דרכי חסד שם סי״ד ס״ג. וש״נ.

15) = מד׳ אמות.

16) = ר׳ חיים ליברמן – ממזכירי כ״ק אדמו״ר מהריי״צ נ״ע.

17) = איני יודע.

18) ראה שו״ע יו״ד סשע״ח.

19) ראה פתחי תשובה ליו״ד ספ״ד סק״ב.

20) ראה באר הגולה יו״ד סשצ״ג ס״ג.

21) ראה דרכי חסד הנ״ל ח״ב ע׳ קסב. וש״נ.

22) ראה באר היטב או״ח סקכ״א סק״ב.

23) ראה נתיב החיים (לבעמח״ס שער הכולל) סרמ״ז ס״ה. וש״נ.

24) הרב אלעזר פנחס וויילער, מבאי־כח מרכז הישיבות תומכי־תמימים ליובאוויטש.

שבכ״י[26], ופסוק ואני זאת בריתי[21], וקאפ׳ מט׳ – אחר שחרית ומנחה – גם ביום ועש״ק אבל לא בש״ק – שאחר יאמרם.

בש״ק אמרו א״ה וצ״צ[27]. עלה לתורה יום ה׳, ש״ק שחרית ומנחה שלישי, אבל אמר שיעלה מעצמו ולא שיקראוהו לעלות.

ליל ש״ק לא אמר הקדיש שלפני ברכו הב׳. אמר הקדיש שלפני כגונא ושאחר עלינו.

מפני החלישות הי׳ פעם שהתפלל הרש״ל – שחרית – לפני התיבה, וכק״ש אמר קדיש שלפני ברכו, ברכו, ושמ״ע בקול רם עד גמירא. וביום א׳ ל״א[28] מפני חלישותו אלא הקדישים, מתחיל מק״ת שאחר ובלצ״ג[29].

בכ״י אחר קאפ׳ מט׳ קדיש. אח״כ למד – הרש״ל – ד׳ משניות נ׳ש׳מ׳ה׳, ובקול רם, וכק״ש אמר אח״כ קדיש דרבנן.

בשבת לבש כל בגדי שבת, גם השטריימעל[30].

למעריב מוצש״ק הי׳ לבוש בגדי חול, ובנעלים שאינם של עור, כמו כל ימי האבלות[31].

אחר קבלת שבת כשא״ל[32] שבתא טבא, לא ענה. אמר: דער רבי וויל ניט לײַדען ש״ש[33] מאיזה סוג שיהי׳, אַ חוץ אַ חולה פרעגען ואס ער מאַכט. שאלתי והלא באיזה קהלות הולך הרב עם כמה בע״ב חשובים בביהכ״נ אל

---

25) ותנא דבי אליהו כו׳ אמר רבי אלעזר אמר רבי חנינא.

26) = שבכל יום.

27) = אב הרחמים וצדקתך צדק – ראה פרמ״ג או״ח סקל״א (בא״א סק״י).

28) = לא אמר.

29) = מקדיש תתקבל (שאחר) ובא לציון גואל.

30) הדעות בזה – ראה בספרים שנסמנו בס׳ „פני ברוך״ – אבלות בהלכה (ירושלים תשמ״ו) סכ״ג ס״ד.

31) פרטי הדינים בזה – ראה בספרים שנסמנו בס׳ „נטעי גבריאל״ – הל׳ אבלות (נ.י. תשנ״ג) פקי״ח ס״ב.

32) = כשאמרתי (כשאמרו) לו.

33) = שאילת שלום. – בשו״ע יו״ד סו״ס שפה: „מקום שנהגו להיות שואלים בשלום אבלים בשבת שואלים. וכתב הרמב״ם שהאבל נותן שלום לכל אדם בשבת שהוא מכלל דברים שבפרהסיא״. ואולי הכוונה במ״ש „דער רבי וויל ניט לײַדען כו׳ אַ חוץ וכו׳״ – לדברי אדה״ז בשו״ע בדין ניחום אבלים וביקור חולים בשבת (או״ח סרפ״ז), שבביקור חולים מזכיר גם שאילת שלום („שבת היא מלזעוק כו׳ ושבתו בשלום״), משא״כ בניחום אבלים מדייק „מותר לומר כדרך שאומרים בחול המקום ינחמך״, ואינו מזכיר ע״ד שאילת שלום.

מקום ישיבת האבל[20]. ענה: אומרים רק בשבת תתנחם[34], ובעיר גדולה יש לו דין אין לו מנחמים, כיון שהקרובים א״א להם לבוא מפני רחוק המקום[35].

יום א׳ אחר התפלה הי׳ סדר נחום אבלים הרגיל, ויצאו. מסר על ידי, שיכנסו איזה פון די עלטערע, הרש״ל ועוד ב׳ — וא״צ מנין — ישבו, ינחמו בנוסח הרגיל, אח״כ יאמרו המקום יגדור פרצות עמו ישראל, ויגערו בו חבריו אַף אויפשטיין פון שבעה, ויסיימו בברכה לאריכות ימים. אחר שיצא הוא מן החדר, זאל מען ארייגקלאפען א צועקעל — במקום שישב „שבעה״ — מיט א שטיין, ניט מיט אן אײַזען. וכן עשו[36].

שאלתי שאומרים אז מען גיט משקה, והסכים ע״ז.

יום א׳ למנחה — התפלל הרש״ל[37] — אמרו תחנון. ל״א קאפ׳ מט׳. למד בעצמו המשניות שבסי׳ — נ׳ש׳מ׳ה׳ או כל הפרק שבסי׳? — בלחש, ואמר קדיש דרבנן אח״ז. וכן בתפלת מעריב. ביקש שיתנו לו ע״י[38]. כן מונח אצלו משניות.

— עוד בתחלת ימי האבלות ציוה שילמדו בהישיבה בכ״י פרק משניות מס׳ טהרות, אחד ילמוד והשאר ישמעו —

יום ב׳ כב׳ שבט לא עלה לתורה, וכנראה הוא מפני חלישות הבריאות. וכ״ה גם בימי הקריאה שלאח״ז ל״ע[39] לתורה. וציוה שהרש״ל יעלה לוי, כדי שהקדיש יאמר[40] אחר שכבר עלה לתורה.

---

34) ולא שאילת שלום (הדעות בנוגע לנוסח ניחום אבלים בשבת — ראה טושו״ע ואדה״ז או״ח שם, ובנ״כ).

35) כנראה הכוונה ש(נוסף על האמור שאומרים תתנחם ולא שאילת שלום, הרי) גם זה שבקהלות הנ״ל הולך הרב עם כמה בע״ב חשובים אל האבל ואומרים תתנחם, הוא, בעיר גדולה שהקרובים א״א להם לבוא מפני רחוק המקום (ובנדו״ד שאין שייך טעם זה אין צורך באמירת תתנחם, גם בלא שאילת שלום).

36) ראה גם ספר המנהגים ע׳ 77.

37) וגם במשך כל שנת האבילות (וראה אגרות־קודש אדמו״ר מוהריי״צ ח״ו ע׳ תה, שהורה לו להשאר „על אתר, ולא לנסוע למקומות אחרים בכדי שלא יבטל את שלש התפלות״), כנראה, מפני חלישות הבריאות של כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ.

38) = (כנראה) עין יעקב.

39) = לא עלה.

40) כלומר, שאמירת הקדיש ע״י הרש״ל — שהתפלל לפני התיבה — תהי׳ לאחר שכבר עלה לתורה.

— „בשלשים הנני אומר „איש״ר מלולע״ע״[41] בלחש, אבל אחר ל׳, ג״ז בקול רם. הרכנות הראש ב„עושה שלום״ אינם שוים בקדיש וש״ע. בש״ע לשמאלו אמצע ימינו. בקדיש לימינו אמצע ושמאלו, „הוא״ באמצע״[42]. הרש״ל בשם כק״ש].

„והעלה ארוכה״ הכ״ף אומר בדגש.

הפטרת ש״פ החדש אמר „כל העם — מאחוזתו״, „אבל[43] אין זה אלא ענין פרטי, או, אם תרצה, ענין כללי, ואינו שייך לאחרים, שצ״ל „כה — תמיד״. אדנ״ע אמר „כל — מאחוזתו״, רז״א „כה — תמיד״. ושאל את אדנ״ע מפני מה אומר כנ״ל. על המענה שגם מהרשנ״ע אמר כנ״ל, ענה, דאס איז דאך דער טאטע. ויענהו אדנ״ע: ואס מיינסטו דער טאטע האט געזאגט און געמיינט זיין טאטען (הצ״צ. הכותב), איך זאג און מיין מיין טאטען.

על שאלתי מה היא שייכות פה״ח[44] לי״ג תשרי שאז יאצ״ט של מהרשנ״ע, ענה, שגם יא״צ של הצ״צ[45] הי׳ נוהג כיא״צ של מהרשנ״ע, הן

---

41) = אמן יהא שמי׳ רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא.

42) ברשימת מנהגים (בעריכת רבינו) שנדפסו בסה״מ תש״ח ע׳ 147 (ומשם בספר המנהגים ע׳ 6, 12): „הטיית והרכנת הראש בעת אמירת עושה שלום: א) של תפלת לחש, בעת אמירת עושה שלום במרומיו — הטי׳ והרכנה לשמאל המתפלל. הוא — באמצע. יעשה שלום עלינו — לימין המתפלל. ועל... אמן — באמצע. ב) של קדיש. עושה שלום במרומיו — לימין המתפלל. הוא — באמצע. יעשה ש״ע — לשמאל. ועל... אמן — באמצע״, ובהערת רבינו ע״ז: „ראה ב״י או״ח סנ״ו ושו״ע ר״ס קכג ונ״כ. וצ״ע״.

43) קטע זה (אבל כו׳) הוא מדברי אדמו״ר מהוריי״צ, וכנראה הי׳ זה מענה לשאלת רבינו על אמירת ההפטרה: „כל העם — מאחוזתו״, שזהו מנהג אשכנז, ולא כמנהג ספרד — כמנהגנו בשאר ההפטרות — „כה — תמיד״ (כבסדר ההפטרות שבסידור — בעריכת רבינו).

ותוכן המענה, שההוספה „כל העם — מאחוזתו״, שבה נזכר ע״ד הנשיא ופעולותיו (כדלקמן בפנים), שייכת להנשיא (רבי) בלבד (ולא לאחרים), שלכן נהג כן אדנ״ע (ולא הרז״א), וכן אדמו״ר מהוריי״צ. וכך נהג גם רבינו החל מקבלת הנשיאות בשנת תשי״א (ראה ס׳ ימי בראשית ע׳ 410).

ועפ״ז יל״פ מ״ש שזהו „ענין פרטי, או, אם תרצה, ענין כללי״ — ענין פרטי של הרבי, או (אם תרצה) ענין כללי, היינו, שאין זה ענין פרטי של הרבי, כי אם, להיותו ה„נשיא״, ש„הנשיא הוא הכל״ (ענין כללי).

44) = פרשת החודש. — וכיון שקריאתה בסמיכות לחודש ניסן, מהי שייכותה ליאצ״ט של אדמו״ר מהר״ש, בי״ג תשרי, שבגלל זה יצטרך אדנ״ע (ורז״א) לעלות למפטיר, ע״פ המנהג לעלות לתורה בשבת שלפני היאצ״ט (ראה ספר המנהגים ע׳ 79).

45) בי״ג ניסן. — צ״ע תוכן המענה, שהרי גם השבת שלפני היאצ״ט די״ג ניסן אינה פרשת החודש. — ואולי מדובר באותם שנים שאדנ״ע הי׳ עולה למפטיר רק אחת לג׳ שבועות (כיון שהמפטיר

לירד לפני התיבה וכו', וסיפר פרטי הנהגות היא"צ של הרביים, כמ"ש במכ' שבקונ' ב' ניסן צ '[46].

כל היא' חדש היו אומרים, לבד הפרק משניות שאחרי התפלות, גם תניא אז בע"פ. אם פרק, ב' פרקים או קטע מפרק, אבל אמרו תניא בע"פ[47].

מלבד שמוסיפים כנ"ל בהפטרה, הרי במלת נשיא או בתיבות המדברים בפעולותיו, אומרים בטראפ מיוחד, ודלא כנדפס.

הקדיש שאחר קה"ת במנחת שבת, מתחילים לומר בעת הגלילה, ומאריכים בו קצת, כדי שלא יצטרך מכניס הס"ת להיכל לעבור בד"א המתפללים ש"ע. ועי' בש' הכולל[48]. כן היו נוהגים כשהתפלל מנין בחדר אדנ"ע, או כשיצא הוא להמנין. ואם קצרו בקדיש, היו ממתינים, אלו העומדים בדרך המכניס הס"ת להיכל, להתחיל תפלתם עד שיכניס הס"ת. [פלפול בזה בקצה"ש[49] — או בפיסקי הסי'[50] — לנאה, ומסיים בצע"ג בדברי

---

הי' מתחלק בין הרז"א, אדנ"ע והרמ"מ – סה"ש תש"ד ע' 160), וכאשר עלה בגורלו של אדנ"ע המפטיר דשבת פרשת החודש (שאז לא הי' עולה למפטיר בשבת שלפני היאצ"ט של זקנו הצ"צ*), הי' מכוין שהמפטיר של פרשת החודש יחשב גם למפטיר הסמוך להיאצ"ט דהצ"צ**.

46) = (שנת) צ"ח (תרח"ץ). — נדפס בסה"מ קונטרסים ח"ב תג, ב ואילך. ולאח"ז באגרות־קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' רלו ואילך.

47) ראה גם תורת מנחם – התוועדויות ח"א ע' 6.

48) בשער הכולל (פכ"ט סק"ד): „למעשה הנהיג אדמו"ר בשבת במנחה תיכף אחר הקריאה בס"ת, כשהש"ץ הולך להתיבה להתחיל הקדיש, מגביהין הס"ת, והש"ץ בבואו אל התיבה מתחיל מיד קדיש, ובסיום הקדיש עומדין כל הצבור תיכף להתפלל, לבד השמש והגולל מחזיקין הס"ת על הבימה עד כדי שהמכניס הס"ת להיכל לא יצטרך לעבור על האיסור שאסור לעבור נגד המתפללים" (וראה לקמן בפנים בהתצ"ר).

ובמכתב רבינו (אגרות־קודש ח"ג ע' קלח): „אמירת ח"ק שאחר קרה"ת במנחת שבת, מתי יתחילו? עיין בשער הכולל פכ"ט. אבל מנהגנו ע"פ הוראת כ"ק מו"ח אדמו"ר להתחיל לומר ח"ק קודם וקרוב לסוף הגלילה, ולמהר בהגלילה ואמירת יהללו באופן שיסיימו הח"ק אחר הכניסה, ועכ"פ להסמיכו לתפלה בכל האפשרי".

49) = קצות השלחן (סצ"א ס"א סק"ד) להרא"ח נאה.

50) בקונטרס הסידור להנ"ל אות לא, עומד על מ"ש בסידור „ואחר קה"ת מתפללין ש"ע ואומרים ח"ק קודם שמו"ע", ומביא דברי שעה"כ (הנ"ל, בתחלת הענין) שתיבות מתפללין ש"ע אינו מדויק, ובסי' זיטאמיר השמיט תיבות אלו וכו'.

---

*) ואולי בשביל היאצ"ט **דזקנו** לא רצה להטריח שיעשו מנין מיוחד עבורו (כבשנת האבלות על אביו שהיו ג' מנינים — סה"ש שם).

**) ואולי יש להעיר ע"ד השייכות המיוחדת דמפטיר זה להצ"צ – ע"פ מ"ש לפנ"ז אודות דברי אדנ"ע: „דער טאַטע האָט געזאָגט און געמיינט זיין טאַטען (הצ"צ), איך זאָג און מיין מיין טאַטען".

שה"כ, ושבכ"מ מתחילים הקדיש תיכף אחר אמירת יהללו[51], ומסיימו עם ההכנסה להיכל. הכותב].

בשבת יא' טבת[52] אמר כק"ש קדיש, ואמר שמפסיק ביום זה. היא"צ יג' שבט תשג"ה (ולא טו')[53].

## ת"ב תש"ב

מפני החולשה אמר רש"ל גם הקדישים. אמר שלא ילמוד המשניות אחר התפלה ערבית ושחרית. [במנחה איני יודע] – תחלה תהלים ואח"כ המשניות. צוה לרש"ל שיאמר בשבילו קדיש גם אחרי קדוש לבנה.

51) ולא לפנ"ז, בעת (קודם וקרוב לסוף) הגלילה.

52) תש"ג (לאחרי י"א חודש דאמירת הקדיש).

53) יום המיתה (ולא יום הקבורה). – הובא גם ב„היום יום" יג שבט. וראה השקו"ט בכ"ז במכתבי רבינו – אגרות־קודש ח"ג ע' קצט. ח"ד ע' קו ואילך. חי"ג ע' תי. חי"ט ע' מה, ובספרים שנסמנו שם.

**לזכות**

החתן התמים הרב **יוסף שמואל**

והכלה מרת **שטערנא שרה** שיחיו

**מאסקאוויץ**

ליום חתונתם בשעה טובה ומוצלחת

יום ה' פ' קרח כ"ח סיון ה'תשס"ד

❀

**נדפס ע"י**

הוריהם

הרה"ת ר' **דניאל יצחק** וזוגתו מרת **אסתר רחל** שיחיו

**מאסקאוויץ**

הרה"ת ר' **יעקב שלמה** וזוגתו מרת **רייזל** שיחיו

**גולדברג**

וזקניהם

הוו"ח ר' **אפרים** וזוגתו מרת **צבי'** שיחיו

**מאסקאוויץ**

הרה"ת ר' **מנחם מענדל הכהן** וזוגתו מרת **גאלדא** שיחיו

**אראנאוו**

הרה"ת ר' **ליפמאן** וזוגתו מרת **חנה** שיחיו

**שפירא**